UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 118- Fall 1991- Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/0r26b5mh

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 118(1)

Publication Date
1991

Copyright Information
Copyright 1991 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פּעריאָדישע שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע ענינים

# 118

AUTUMN
1991

האַרבסט
תשנ"ב

אַרויסגעגעבן פֿון:

- לאָס אַנזשעלעסער ייִדישן קולטור־קלוב און שרייבער־קרייז

מיט דער מיטהילף פֿון:

- ל.א. קאָונסיל פֿון ציוניסטישן אַרבעטער פֿאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור־צענטער אין ל.א.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

## דער ציוניסטישער אַרבעטער פֿאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אמעריקע. דעם פֿאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פֿון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פֿון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל – די הסתדרות העובדים;
- העלפֿן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פֿאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערער אָרדענונג פֿון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פֿאַרבאַנד איז אַ פּראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פֿאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל.א. שטאָט־קאָמיטעט פֿון
**ציוניסטישן אַרבעטער פֿאַרבאַנד**
**לואי סענעסיב, פּרעזידענט**

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842

# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048

**EDITORIAL BOARD:**

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

**ADMINISTRATIVE COMMITTEE:**

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 820-2976
**H. HIRSH**, Administrator
Members: M. COHEN N. GIEROWITZ, L. MEISNER & J. SHAFER

Subscription price: $8.00 per year

# אינהאַלט

אברהם ליס: צו דער 75-סטער יאָרצייט פון שלום-עליכם ............ 3
ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן: לידער ............ 7
שמואל איזבאַן: נחמיה דער קוישן-פלעכטער (דערציילונג) ............ 9
מאיר חרץ: לידער ............ 20
לילי בערגער: דער אומבאַקאַנטער קבר פון אַ מאָלערין (דערציילונג) ............ 23
חנן קיעל: לידער ............ 31
עקיבא פישבין: דער "געקרייציקטער זינגער" - מאָצאַרט ............ 33
משה שקליאַר: לידער ............ 39
הינדע זאַרעצקי: לידער ............ 40
סאָפי פראָם: אַן אמתע געשיכטע (דערציילונג) ............ 41
ישראל גובקין: ליד (עלעגיע) ............ 46
חיים קעניגער: לידער ............ 47
ישראל גובקין: שורות וועגן אַנטיסעמיטיזם ............ 49
גרוניאַ קאָהן: ליד ............ 50
זשאַק בורשטיין-פינער: ליד ............ 51
יצחק קאָהן: נייע באַלייכטונגען וועגן אַלטע וועלט-מייסטערס ............ 52
יצחק קאָהן: "א ווינטער אין ירושלים" פון בלענש דעפּוזשע ............ 58
חנן קיעל: אַ געזאַנג צו יידישקייט פון אַ שוואַרצן גר ............ 60
עקיבא פישבין: בנימין שלעווין ע"ה ............ 65
יוסף האָרן ז"ל: ............ 66
אָנגעקומען אין רעדאַקציע ............ 67
לילקע מייזנער: מיר זענען די היטער פון אונדזער גרויסער קולטור-ירושה ............ 69
באַגריסונגען ............ 78-82

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון

נומ. 118

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
נתן געראָביטש
משה כהן
לילקע מייזנער
יעקב שפּייר

47־סער יאָרגאַנג, נומער 118 • האַרבסט 1991 • לאָס אנדזשעלעס, קאַליפ.

ה'תשנ״ב 5752


## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

אלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער
ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.

*רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג*
*פון "חשבון"*


אברהם ליס / תל־אביב


## "...און אויפשטיין תחיה וועסטו דאַן מיט אונדז צוזאַמען"
### צו דער 75־סטער יאָרצייט פון שלום־עליכם

### א

אַ באַטייטיקע און פאַרנעמיקע ליטעראַטור איז, כידוע, אויפגעשאַפן געוואָרן וועגן און אַרום שלום־עליכם; אָפּהאַנדלונגען וועגן זיינע ווערק און זיינע העלדן, באַטראַכטונגען אַרום זיינע מאָטיוון און זיין שטייגערישער שפּראַך, פּירושים וועגן קוואַל פון זיינע געשטאַלטן, און אַריינטייטשן בנוגע דער פאָרמירונג פון זיינע ראָמאַנען. שלום־עליכמס שאַפן האָט געדינט און דינט ביז איצט ווי אַ טעמע פאַר דיסערטאַציעס און פאָרשונג־אַרבעטן אויפן פעלד פון ליטעראַטור און איז אַ באַשטענדיקער שטאָף צו כאַראַקטעריזירן יידישן הומאָר.

ניט שייך צו באַטראַכטן און אַפילו צו פאַרצייכענען דאָס אַלץ, ווי אַזוי עס איז באַהאַנדלט און אַרויסגעבראַכט געוואָרן דאָס וואָס מאַנגער האָט אָנגערופן אין זיין מקורותדיקן עסיי "נאָר איין מאָל שלום־עליכם". קיין ספק ניט, ווייניק ווער אין דער וועלט־ליטעראַטור האָט זוכה געווען צו אַזאַ פאַרערונג און צו אַזאַ אָנאויפהעריקן

אינטערעס ווי שלום־עליכם. נאָר גריילעך, ווי מאַנגער האָט אָפּגעפּילט – "נאָר איין מאָל שלום־עליכם" - האָט משמעות אויך געצוימט און געהעמט זיך צו פּאַרמעסטן אויף אַן אַרומנעמיקער שלום־עליכם־ביאָגראַפיע, וואָס איז נאָך ביז היינט ניט אויפגעשריבן געוואָרן.

קיין ספק ניט, די אַרבעטן און זכרונות־באַשרייבונגען וואָס זענען יאָ אַרויס, אַ שטייגער ווי דאָס בוך פון זיין ייִנגסטער טאָכטער מרים וויַיף־גאָלדבערג - "מיין פאָטער שלום־עליכם" (דערשינען אין ענגליש און שפּעטער דאָ אין לאַנד אין העברעיִשער איבערזעצונג), דער מעמואַרן־בוך פון זיין ברודער וואָלף ראַבינאָוויטש און ועל־כולם דאָס ווערק איז 5 בענד פון י.ד. בערקאָוויטש, "אונדזערע ראשונים" (אין העברעיש - "הראשונים כבני אדם"), זכרונות־דערציילונגען פון שלום־עליכם און זיין דור - מאַכן אויף אַ צאָל "פּורטקעס", וואָס דערמעגלעכן אונדז אַריינצוקוקן און באַנעמען אָפּשניטן פון שלום־עליכמס שאַפערישן לעבן, דערפילן זיין פּערזענלעכקייט, זיין דינאַמישן, אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, זיין גאַנג און אויפפיר, זיין באַציונג צו דער משפּחה און זיין פאַרבינדונג מיט דער שרייבערישער וועלט - פון אָט די קאַפּיטלעך זכרונות געשריבן פון זיינע נאָענטע דערוויסן מיר זיך טשיקאַווע פּרטים. צו די אינטערעסאַנטסטע געהערן אויך די שילדערונגען ווי אַזוי שלום־עליכם האָט געשאַפן.

שלום־עליכם האָט געשריבן ביי אַלע אומשטענדן און אונטער אַלע באַדינגונגען, אַפילו ווען ער איז געווען מסוכנדיק קראַנק. ער האָט געשריבן זיצנדיק, שטייענדיק, ליגנדיק, שפּאַצירנדיק, פאָרנדיק אין באַן. און ווען ער איז געשלאָפן האָט ער אויך געשאַפן, מחמת אָט פלעגט ער ראַפּטעם זיך געבן אַ כאַפּ אויף אין מיטן דער נאַכט און זיך אַוועקזעצן ביים טיש, אָדער זיך אַוועקשטעלן ביים שטענדער און שרייבן. שרייבן בעיקר זיינע שטייגערישע מאָנאָלאָגן. זעט אויס, אַז די מענה־לשונס פון די קאַסרילעווקער האָבן אים געטאָרעט אויך ביי נאַכט. - "וואָס וועל איך מיך אויסליגן - פלעגט ער זיך פאַרענטפערן פאַר די שטוביקע - אַמער וועל איך שוין בעסער שרייבן".

שלום־עליכמס לעבן, זיינע אינערלעכע ווידעראַנאַנדן און שטימונגען, ווי זיינע גרויסצוגיקע שרייבערישע פּלענער, זיין גאַנג דורך די יידישע וועלט־ישובים, די שלום־עליכם־ביאָגראַפיע - זענען אַן און פאַר זיך אַן אָנלאָקנדיקע און נאַראַטיווע דראַמע, אַ דראַמע פון אַ פענאָמענאַלן, איינציקאַרטיקן קינסטלער, וואָס האָט במשך קנאַפּע פיר צענדליק יאָר געבראַכט אַזאַ שפעדיקן ליטעראַטור־ביַיטראָג, וועמענס ווערטן זענען ניט נאָר דויערנדיק ביז איצט, נאָר זיי וועלן בלייבן לדורות.

שלום־עליכם איז איינער פון די וואָס האָבן אויפגעהויבן די יידישע ליטעראַטור און זי אַריינגעפירט אין די היכלען פון דער וועלטשאַפונג. ניט אומזיסט איז דאָך שלום־עליכמס שאַפונג איבערגעזעצט געוואָרן אין העכער 40 לשונות. עס וואָלט, אָן צווייפל, נייטיק געווען זיך אָפּצושטעלן אויף די גורמים וואָס האָבן דיקטירט צו איבערזעצן זיינע ווערק אויך אין אַזעלכע לשונות, וואָס לכאורה זענען זיי אַזוי וויַיט און פרעמד פון יידיש־שטייגערישער דערקענטעניש. דאָס איז אַ טעמע, וואָס פאָדערט מען זאָל עס באַהאַנדלען.

ב

אָבער אָפּשטעלן וויל איך מיך איצט אויף אַן אָפּשניט אין דער ליטעראַטור אַרום שלום־עליכם, וואָס איז דורכגענומען מיט יירא͏ת־הכבוד, מיט ליבשאַפט און טיפער פאַרערונג צום שאַפער, צו זיינע העלדן און מאָטיוון, דאָס איז אַן אויסדריקלעכער הלל־געזאַנג, וואָס יידישע דיכטערס האָבן אויסגעדריקט, באַזונגען און געזונגען וועגן

שלום-עליכם און צו דער וועלט פון שלום-עליכם. מיר האָבן ביז איצט צונויפֿגעקליב העכער 100 לידער און פּאָעמעס, וואָס 82 יידישע דיכטערס, 5 העברעישע און 2 רוסישע האָבן געווידמעט אָט דער אויסערסט טשיקאַווער, אייגנציקאַרטיקער טעמע - שלום-עליכם. איבעריק צוצוגעבן אַז די אַלע לידער און פּאָעמעס זענען געשריבן געוואָר נאָך דער פּטירה פון שלום-עליכם. ס'הייסט, איבער אַ צייט-שטח פון צוויי דורות. אַ צייט וואָס איז פול געווען מיט עצבותדיקע פּאַרלויפּענישן אין אונדזער לעבן, מיט געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע איבערוואַנדלונגען, מיט ביטערע אַנטוישונגען, אָבער אויך מיט אייפעריקע נאַציאָנאַלע אָנשטרענגונגען און באַגערן. אָטעמען טאַקע אַ ריי לידער - כאָטש זיי זענען פאַראַנקערט אין דער שלום-עליכם-ספערע - מיט דעם הויך, מיט דעם קלימאַט, מיט דער אַטמאָספער פון די טעג און פון דעם אָרט אין וועלכן זיי זענען געשריבן געוואָרן. אָבער אָט די לידער און פּאָעמעס, וואָס דיכטערס אין פאַרשידענע יישובים און פאַרשידענע לענדער האָבן אַרויסגעבראַכט אין פיבער און קימער פון צייט, זענען אין זייער אידעע, אין זייער דיכטערישער טענדענץ צוגעאייגנט צו איין פּנימיותדיקן פּונקט, צו דעם וווּנדערלעכן שמייכל פון שלום-עליכמען און זיינע געשטאַלטן, צו דעם בטחון פון טביה דער מילכיקער, צו דער קלוגער, יינגלשער תמימות פון מאָטל פּייסי דעם חזנס, און צו דעם חיותדיקן אומרו פון מנחם-מענדל.

עטלעכע טעג נאָך שלום-עליכמס טויט האָט זלמן שניאור פאַרפאַסט זיין באַקאַנטע פּאָעמע "שלום-עליכם-דענקמאָל" (געשריבן אין שאַרלאָטענבורג, דעם 20סטן מיי 1916), ווו ער זאָגט:

נאָר וויסן זאָלסטו זיין, דו, וועלכער ביסט אַוועק,
אַז פאַר דיין לעצטן שפּאַס פון שטאַרבן
וועלן דיר די אָפּגעלאַכטע מיט אומשטערבלעכקייט באַצאָלן,
און פאַר דיין טויט - פון טויט אַליין נקמה נעמען.
מיר שווערן דיר, אַז קומען וועט אַ טאָג -
אַ שטאַרקע פאָלק פון יידן, אַ נייע לאַנד וועט אויפשטיין
פון קראָמען-חורבות, פון וויסטע שטעט און שטעטלעך.
---------------
און אויפשטיין תחיה וועסטו דאַן מיט אונדז צוזאַמען
אין דער פאָרשטעלונג און ליים פון גרויסע קינסטלערס!
פון בראָנדז געגאָסן וועסטו אויפשטיין
אויף יידישע בולוואַרן.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע ליד לזכרון שלום-עליכם. אין די זעלבע טעג האָט אויך מאָריס ראָזענפעלד פאַרעפנטלעכט דאָס ליד "דער הימלשער וויצלינג" ("די יידישע גאַזעטן", ניו-יאָרק, מיי 1916), געשריבן אין דעם ראָזענפעלדישן נוסח:

עס שווייגט דער וויץ, דער לאַך איז שטום,
אַוועק הומאָרס גראַציעזע קלאַנגען,
אַ וויסטער אומעט אומעטום,
דער גרויסער לאַכער איז פאַרגאַנגען.

ס'איז אינטערעסאַנט אָפּצופילן ווי אייגנטימלעך, אויסערלעך אַנדערשדיק, נאָר אין יסוד גריילעך מיט דער זעלבער אייגנדיקייט, עס נעמען אויף דעם מאָטיוו "שלום-עליכם" די יידישע דיכטערס אין ראַטן-פאַרבאַנד, די דיכטערס אין אַמעריקע, אין פּוילן, אין רומעניע. ס'קומט דאָ אויך צום אויסדרוק די צייט, די פאַרלויפענישן פון אונדזער

נעכטיקער טרויעריקער תקופה, אַזוי אויך שפּעטער, אין די נאָכמלחמה־יאָרן, אָבער אַלץ אין דעם גערעם פון דער שלום־עליכם־מיליע, פון דער שלום־עליכם־גאַלעריע:

שרייבט איציק פעפער "אַ בריוו צו שלום־עליכם" (1948) אַזוי אַ אין דעם סאָוועטיש פאַרגלייבטן סטיל:

מנחם־מענדל איז
אין קאָן שוין צווישן מענטשן,
ער האָט שוין אַ מעדאַל,
דו וואָלסט אים ניט דערקענט שוין..

------------

די ערד איז ברייט און פריי,
דו האָסט מיין רוף פאַרנומען?
און אָפּט איך טענה: איי –
אַ שאָד, וואָס קאָנסט ניט קומען!
מיט אַלע דיינע זין
און אייניקלעך און טעכטער
איך שטיי אין מאָסקווע־שטאָט
און וואַרט אויף דיין געלעכטער.

ווי טראַגיש, אַכזריותדיק עס האָבן זיך פאַרענדיקט אי פאַר איציק פעפערן, אי פאַר די צענדליקער אַנדערע דיכטערס און קינסטלערס אין ראַטן־פאַרבאַנד, אָט די האָפענונגען און באַגערן – טראָץ דעם וואָס מנחם־מענדל "האָט שוין אַ מעדאַל".

אַ באַדייטנדיקע צאָל לידער האָבן בייגעטראָגן די היינטצייטיקע יידישע פּאָעטן אין אַמעריקע, צווישן זיי בעריש ווײַנשטיין, אליעזר גרינבערג, מאַרטין בירנבוים, חיים גראַדע, גלאַנץ־לעיעלס, מ. אָליצקי, מאַרק שוויד, שלום שטערן, מלכה לי, שאול מאַלץ, איטשע גאָלדבערג, י.י. סיגאַל, ש. בודין, און נאָך פריער י. אַדלער, אַברהם רייזען און אַנדערע.

יעקב גלאַטשטיין, דער שאַרמאַנטער וואָרטמייסטער שילדערט די שלום־עליכם־געשטאַלט אַזוי:

מיט אַ זעקל ליכטיקע רייד
ביסטו געקומען באַוואָרענען,
אייביק מיט פרייד,
דאָס פאָלק פון מיין געדעכעניש דעם צעהעלטן,
וואָס האָט דיך אויסגעוואָרט.

אגב, אָט די באַטאָנונג "מ'האָט דיך אויסגעוואַרט" קומט צום אויסדרוק ביי אַ צאָל דיכטערס. משמע, דאָס פאָלק אין זיין לעבנס־פאַרצאָגטקייט האָט געגאַרט נאָך שלום־עליכמס וואָרט. נאָך זיין פערלדיקן הומאָר, נאָך זיין בטחונדיקן שמייכל.

אַ צאָל פּאָעטן וואָס לעבן היינט מיט אונדז אין ישראל האָבן פאַראָנדענקט שלום־עליכמען אין זייער ליד: יאָסל לערנער, מ. חרץ, הדסה רובין, הירש אָשעראָוויטש. וויל איך פאַרענדיקן מיט עטלעכע שורות פון ה. אָשעראָוויטשעס קרעפטיקער פּאָעמע "שלום־עליכמען", געשריבן צו זיין 100סטן געבוירן־טאָג:

די קופּערטן מיט אוצרות – דיינע רייכע בענד
פאַרשפּרייט געוואָרן זענען אויף דער גאָרער ערד,
און איצטער, ווען מען הערט,

ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן / ניו-יאָרק

## אַזוי אַרום הווערט אָקטאָבער

אַזוי אַרום הווערט אָקטאָבער.
אין ריטעם, זיין ריטעם, די טעג
און ס'טראַכטן האָט זיך פאַרגנבעט
און רעדט אָן אַ שיעוריקע רייד.
אַזוי האָבן זיך בלעטער געטרעסעט
באַלייט דאָס פייגליש געזשום
און פעדעם צעהאַנגען גירלאַנדן
אין זעלביקן נוסח געשטומט.
די זון מיט אַ שמייכל פאַצויגן
גערייצט זיך - געגלעט און געקילט.
דאָס פענצטער, האַלב אַ צעעפנטס
האָט פאַרחידושט דאָס בילד אויפגעהילט.
און שווער זענען ווערטער געלייגן
געפּרוווט זיך באַוואַשן פון פאָרך
וועט דער פאַרביקער בויגן אָקטאָבער
פאַרפאַרבן אויך די וווּנד פון אַ שטאָרך?

* * *

ס'פלעגט אַ מאָל די רויז די לעצטע
ביז אין די שנייען אַריין זיך רייטלען
און איצט אין אָקטאָבער,
אַפילו אין סעפּטעמבער,
מיין רויטע רויז זי צוויטעט נישט מער.
די ווייסע אַקאַציע קרישעט זיך אויך.

---

אַז ס'טוט אַ יידיש וואָרט אַ פייערדיקן בליץ,
אַז ס'האַקט אויס גרויסקייט שאַרפזיניקער וויץ
איז יעדער זיכער באַלד: ער דיך דערקענט...
אין דעם דאָך שטעקט טאַקע דאָס גרעסטע פונעם גרעסטן,
דאָס איז זי דאָך די מאָס דיין ריזנגרייס צו מעסטן.
אָט די לידער און פּאָעמעס שאַפן אַ חיותדיקע, דערהויבענע, פאַרבנרייכע מאָזאַיק אי
דער מקורותדיקער, איינציקאַרטיקער פאַראָנדענקשאַפט פון אונדזער גרויס
שלום-עליכם.

מיין גאָרטן איז טרוקן
אָן זאַפט און אָן כוח.
דער קליאָן, דער גזלן
זיך ברייטלעך צעשטעלט
די וואָרצעלן צעשפּרייט, די זון אָפּגעשטעלט
ס׳פאַרנעמט דער גיגאַנט
דעם שטח בגוואַלד
פאַרמעטס זיך אַליין צעצווייגן אַ וואַלד
און ס׳לעכצט דער גאָרטן נאָך ליכט,
נאָך לעבן: אפשר, טאָמער
איבער אַ יאָר מיט דערלעבן?

* * *

צייטיקן טעג זיך פון דעמלט און כ׳זע
ס׳געזעגענען זיך שוין די בלעטער
און זי פלעגט זיצן - אַ בילד איינגערעמט
און קוקן, חלומען ביים פענצטער.
פאַר איר, דער קאָפּ אין פאַטשיילע פאַרדעקט
איז תמיד געשטאַנען אָקטאָבער.
דריבנע די אויגן פאַרזשמורעט אין ווייט,
וווהין קוקסטו באָבע? קוקסט קריק צו דער צייט
ווען דיין לייכטער טראָט האָט געציטערט אין פלי
כאָטש זיכער געצויגן צום זיכערן ציל:
פאַרזאָרגן די קינדער און דו - איינע אַליין,
נאָר פאָרט געהויזט ביי אייך גרעלעכטער און פרייד...
און איצט ווי דו זיצסט און וואַרטסט...
ווייסט אויף וואָס?
ס׳איז לעבעדיק, וואַרעם,
נאָר פאָרט ס׳איז נישט דאָס
וואָס אַ מאָל געווען אין אָקטאָבער.

שמואל איזבאָן / ניו-יאָרק

# נחמיה דער קוישן-פלעכטער

(דערציילונג)

- א -

אַרום דעם יפוער טויער האָט נחמיה, אַ קאַראַימער קוישן-פלעכטער און בעל הבית פון הייזער, געשפרייזט מיט אַ צוניפגעליגטן קיטל אונטערן רעכטן אָרעם. ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די אַראַבישע אייזל-טרייבערס און טרעגער-יונגען, וואָס זענען געווען צעשטעלט אַרום די אָפּגעשונדענע ווענט. ער האָט געזוכט זיינע צוויי בנים, וואָס צעפירן אויף שטופּ-וועגעלעך צעפּלאָכטענע באַמבוק-קוישן. אין דער לינקער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ געעפנטן לוח. יעדע ווילע האָט ער אַריינגעשטאָכן זיינע פאַרלאָפענע אויגן אין דעם אויפגעמישטן בלאַט. נישט בלויז אַז ס'איז היינט פרייטיק, דערצו שפּעטער נאָכמיטאָג, איז אים געלעגן אין זכרון, נאָר אויך די גענויע שעה און די רגעס ווען מען דאַרף אין די אשכנזישע הייזער ליכט-צינדן.

ער האָט געצויגן צום מגדל-דוד. אַ פעלז, גרויס ווי אַ מויער, האָט פאַרשטעלט דעם אַראָפּגאַנג צו אַ געטרעפּעלט געסל. פאַר אַ וואַנט אין אַ טויער איז געשטאַנען אַ הויכע זקנה, איינגעהילט אין אַ ווייסער פלאַכטע. דאָס לויזע קאָפּטוך האָט צוגעדעקט נישט בלויז דעם שטערן, דאָס שייטל, נאָר אויך אַ האַלב פּנים, אַז מען האָט קוים די נאָז אַרויסגעזען. זי האָט דערשנאַפּט דעם פאַרביילויפנדיקן קאַראַימער, און אים גערופן מיט איר אָנצייניק מויל.

- נחמיה! נחמיה! ביי דיר וועל איך זיך דערוויסן! כ'זע, דו האַלטסט אַן אָפענעם לוח. ווען טוט אַ פרום ווייב היינט ליכט צינדן?

צוליב אַ דבר-מצוה האָט נחמיה זיך אָפּגעשטעלט ביי דער זקנה און געענטפערט:

- פיר אַ זייגער מיט זיבן מינוטן!

- גוט וואָס די האָסט אַרויסגעלייענט פון לוח! אַז ביי מיינע שכנים די אפיקורסים קען מען גאָרנישט דערגיין די פּינקטלעכע מינוט! - האָט זי זקנה גערעדט מיט צער-אַלע יהודים וואָס זיצן אויסער דער אַלטשטאָט, די בעלי-גלות, די פּירות-הענדלער, אַרבעטן אַ שטאָך אין שבת אַריין!

- מיינסט די מענטשן פון דער יפוער גאַס? - האָט דער קאַראַימער אַרויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן - כ'קען זיי, די זויפערס! די פרעסערס! זיי וועלן קיין חלק נישט האָבן אין תחית המתים.

די זקנה האָט אַרויסגעשפּרייזט פון טויער.

- כ'זע, דו פאַרנעמסט זיך צום טאַל, נחמיה, וועמען זוכסטו אין די נידעריקע גאַסן?

- איך גיי אַ היים טרייבן מיינע בנים, די קוישן-הענדלערס.

- זיי טוען אויך אַריינהאַנדלען אין שפּעטן פרייטאָג?

- אויך!

- און דאָס איז נאָך נישט דער ערגסטער חטא - האָט די זקנה גענומען וואַרפן ווערטער ווי פיילן - די פערסישע ווייבער טראָגן אָן רכילות... מען פלוידערט אַז דו, ר' נחמיה, קענסט נאָך דערלעבן צו קריגן אַן אשכנזי פאַר אַ מחתן! דיין עלטערער זון טרייבט זיך אַרום מיט אַ זייעריקער מויד. און וועגן דעם ייִנגערען? זאָל איך דערציילן? קען מען דען מצער זיין אַ פּאַטער?

– אַזוי? רעדסט אויך אײַטעלע רייד? – האָט נחמיה צוזאַמען מיט די רייד אויסגעשפּיגן שטיקער סלינע אויף דער באָרד און איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אויפגעהויבן די האַנטפלאַך איבער די אויגן און געקוקט צו מזרח. די ניסן-זון, וואָס האָט געצונדן די שטיינערנע מויערן פון מגדל-דוד, האָט אויך געפּלייצט ליכט איבער די טאָליקע, נידעריקע גאַסן, ער האָט זיך אַוועקגעדרייט פון דער זקנה.

– אַ גוטן שבת-קודש!

– שבת-קודש! אַ פּאַרכטיקער שבת! אַ הייליקער שבת! – האָט די זקנה נאָכגעשריגן.

די גאַסן אין טאָל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַזוי נידעריק, ווי דאָס וואָלטן געווען אויסגעגראָבענע ראָוון. פּלויטן און בלינדע ווענט האָבן זיך געצויגן אויף אַ לענג. מער ליידיקע הויפן, ווי פאַרבויטע בנינים האָבן זיך געטונקט אין זון. און צווישן די פּלויטן האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגעשפּראָצט איינצלנע הויכע טײַטלביימער ווי צעעפנטע שירעמס.

נחמיה האָט זיך אונטערגעיילט. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַ היים טרייבן די בנים. ער האָט געוווסט אַז אין זיין הויף וואָרט שוין מסתמא אויף אים דער רויטער רפאל, דער מעקלער, וואָס ברענגט אים אַ סוחר אויף איין הויז. ער, נחמיה, וועט פרייטאָג פאַרנאַכט קיין משא ומתן נישט פירן. אויספירן וועט אָבער דער רויטער רפאל, מיט זיין חיתוך-הדבור. אויספירן וועט דאָס ווייב, וואָס האַלט מיטן מעקלער. און דאָ ווערט שפּעט, אָבער ווו נעמט מען די צוויי יונגען?

ער האָט זיך געהויבן איבער די גראָזיקע בערגלעך. די בערגלעך האָבן געפירט צו אַ געדיכטער מאַרק-גאַס. פון דער מאַרק-גאַס ביז צו אַלט-שטאָט האָט ווידער אַ מאָל זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ לייטער, אַ געטרעפּלטער הויף. הענדלערס מיט בוידן-שטייערס, רוכלניקעס, וואָס טראָגן זייער גאַנץ האָב און גאָב אויף די אַקסלען, האָבן פול געמאַכט די לופט מיט זייער טומל. אויף דער שוועל פון אַ טיף, טונקל געוועלב, ווו דער פּראָנט איז געווען באַהאָנגען מיט אַלטע קאָלירטע קליידער, איז געשטאַנען אַ פעטער ספרדי, אין אַ רויטן קאַפּל מיט אַ קנאָפּ און אויסגעזונגען מיט אַ ניגון:

...קאָפּ-טיכער, גאַרטלען און סוטאַנעס
אָן שבועות און אָן טענות!
פאַרקויפט אייך פון יעדן מין –
אַ ירושלימער הענדלער, אַ בעל-דין...

דער ספרדישער הענדלער האָט מיט אַ מאָל אַפּגעהאַקט אין מיטן זינגען. ער האָט דערזען דעם אָנקומענדיקן נחמיהן, האָט ער גיך פאַרמאַכט אַ האַלבע, הילצערנע טיר פון זיין געוועלב, און דאָס פּנים האָט זיך צעגאָסן מיט שמייכל און חניפה.

– נעם נישט פאַר אומגוט, נחמיה, כ'פאַרמאַך שוין דעם שער-הרחמים. דער פּדיון קומט אָן כקריעת ים-סוף. מען האַלט נאָך אַ שפּאַלט אָפן, אפשר וועט זיך באַווײַזן אַ קויפער נאָך אַ געפלאָכטענעם גאַרטל, צו נאָך אַן אַקסל-בייטל...

ווי דער הענדלער האָט זיך געהאַלטן אין פאַרענטפערן פאַרן קאַראַימער, האָט נחמיה אים געלאָזט שטיין און זיך פאַרנומען צו אַ זייטיקער מויער. פון אַ ליק זענען אַרויסגעפאָרן צוויי שטופּ-וועגעלעך אָנגעלאָדן מיט האַנט-קוישן. און הינטער זיי, ווי נאָכשטופּערס, זענען נאָכגעלאָפןביידע זין. אויף זייערע קעפּ-שפּיציקע שקאָרמיצן און איבער די אַקסלען – אָנגעשנאָלטע בייטלען.

נחמיה האָט קוק געטון אויף די פאַרשפּעטיקע בנים אָן רייד. זיינע אויגן זענען געפאַלן אויף די צוואַקסענע יונגען ווי שפּיציקע רימענס און אין זיין שטומען בליק איז געווען

רוגזה און דראָונג.

עמרם, דער עלטערער בן, מיט אַן אָנגעלאָפּענער מכה אויפן שטערן, האָט אַרויסגעלאָזט דעם דישל פון וועגעלע און אַ פאַרשולדיקטער געומען קלייבן ווערטער אויף אויסצופלעכטן אַ תירוץ. נחמיה האָט אים נישט געגעבן קיין צייט צו עפענען דאָס מויל. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן דעם בייטל, וואָס איז ביי אים געהאָנגען אויף אַ רימען, און זיך צעשריגן:

– כ'זע דער פדיון איז ביי דיר נישט אָנגעשוואָלן. אָבער דאָס יאָגעניש נאָך ממון, שטופּט דיך אַלץ איצט, אַזוי שפּעט, איבער די ירושלימער גאַסן... אַ בושה פאַר מיר, אַ בושה פאַרן קאַראַימער געזינדל! עמרם האָט פּרובירט זיך פאַרענטפערן:

– טאַטע, ס'איז נאָך פרי. אין די אשכנזישע גאַסן און אין די ספרדישע הויפן גייט ערשט אָן דער האַנדל-וואַנדל.

– ברענג מיר נישט קיין ראיות פון די אשכנזים און פון די ספרדים! - האָט נחמיה מיט אויסגעשפּרייטע הענט פאַרטריבן דעם זונס טענה - איר, בנים מיינע, וועט אָנהייבן דעם שבת ווי איך פרייטאָג, מיט השכמה. כ'וועל נישט הייסן מער ברענגען קיין באַמבוק-געהילץ. אויס פלעכטעריי! איידער אַ פרנסה וואָס פירט צו אַ חטא, וועל איך פאַרקויפן מיינע הייזער און כ'וועל זיך אַוועקזעצן מיט אַ ליכט ביי די קברים! כ'וועל גיין מיט אַ צדקה-פּושקע איבער די שוועלן.

זבולון, דער ייִנגערער זון, מיט אַרויסגעשפּראָצטע בינטלעך האָר אַרום די פאַרברוינטע באַקן, איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ס'איז אים שווער געווען אויסצוהערן דעם פאָטערס געבייזער. און ווען די רוגזה האָט ביי נחמיהן זיך געומען זעצן, האָט ער געעפנט דעם געלט-בייטל. מיט אַ קלינגערײַ האָט ער אַריינגעשאָטן די מטבעות אין אַ גרינעם שניפּ-טוך. ער האָט עס פאַרקניפּט איין מאָל, אַ צווייט מאָל און דערלאַנגענדיק דאָס קניפּל דעם פאָטער האָט ער געזאָגט:

– דער גאַנצער פדיון, טאַטע! נעם און אייל זיך אַ היים. רפאל דער סרסור[1] וואַרט אויף דיר אין הויף.

– כ'בין זיך משער אַז ער וואַרט! און ער ברענגט מיר ווידער דעם אשכנזישן סוחר? ער ברענגט מיר ברוך וויינהענדלער? איינס - האָט דער קאַראַימער געעפנט די רעכטע האַנטפלאַך און געומען איינבייגן איין פינגער נאָכן צווייטן - וועל איך נישט ריידן מסחר פרייטאָג נאָכמיטאָג, צוויי, וועל איך נישט פאַרקויפן די מויער פאַר אַ שיבוש. דריי, צו וואָס ברענגט ער מיר אשכנזים, ווען איך זוך נאָר אַ קורדישן יהודי, פאַר א סוחור. ווו האָסטו אים געזען, רפאלן?

– אין די פּערסישע הויפן.

– שטענדיק שטעקט ער צווישן די מענטשען פון שושן-הבירה, אָבער אַז מען דאַרף אַ סוחר, שלעפּט ער אים פון מאה-שערים אַרויס... אַלץ וואָס כ'קען פאַרקויפן איז איין בנין, דעם פראָנט-בנין, וואָס שטייט צו דער מלכים-גאַס...

נחמיה איז געוואָרן עטוואָס אויפגערוימטער. די באַקן האָבן זיך געקאַרבט מיט שמייכלען און העויות. דער שמועס וועגן זיינע אייגענע הייזער האָט אויף אַ רגע אָפּגעווישט דעם כעס און אַרויסגעבלאָזן די רוגזה. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלאָץ, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער שוואַרצער ערד. ער האָט אַריינגעפלאָכטן צען פינגער אין דער באַנוול-באָרד און די ליפּן האָבן זיך געוויגט מיט חשבון און ציפערן.

---

[1] סרסור - מעקלער פון הייזער.

צוויי אלפים מיט צוויי מאות וועט ער אָפּנעמען פאַרן בנין, דערפאַר, וועט ער אַוועקגעבן אַ פאַרמעגן צו אַ ישראלי פון אַן אנדערער עדה. ער וועט אוועקשטופּן אַ מויער פון דער אייגענער שכונה, בעת דער גאַנצער קאַראַימישער קוואַרטאַל ציט זיך אויף עטלעכע שפּאַן. אויב דער בנין וועט איבערגיין אין די הענט פון אַ ספרדי צי אשכנזי, וועט מען ברעכן דעם חוק פון "לא תבערו אש בכל מושבותיכם"... מען וועט אום שבת צינדן לאָמפּן און ברענען פייערן, מען וועט קאָכן און בראָטן . און די מנוחה וואָס רוט איבער די קאַראַימישע גאַסן וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ רעש און געפּילדער. ער האָט זיך אָנגערופן צו די זין.

- הערט, בנים מיינע, ס'איז נאָך אַ גרויסער ספק צי רפאל דער סרסור וועט ביי מיר עפּעס אויספירן.

- ווילסטו נישט פאַרקויפן די מויער, טאַטע? - האָט זבולון זיך געפרעגט.

- דאָס יאָ, כ'דאַרף די מזומנים. אָבער ווער עס זאָל ווערן מיין שכן אויף יענער זייט וואַנט, דאַרויף וויל איך זיין דער בעל-דעה.

- ברוך וויינהענדלער איז דער אמתער סוחר - האָט עמרם, דער עלטערער זון זיך אָנגערופן - און ער האָט די מזומנים אויך!

- דער אשכנזי? - האָט נחמיה אָנגעשאַרפט די אויגן אויף זיין בן - דער ווין-צאַפּער? ווילסט מיר אַריינזעצן דאָ זיין משפּחה? די טומלערס?

- נסים מזרחי איז ביי מיר בילכער! - האָט זבולון זיך אַריינגעמישט - און ער איז וויליק צו געבן אַ גרעסערן פּרייז.

- נישט דו עמרם, און נישט דו זבולון,ביידע וועט איר ביי מיר נישט אויסדינגען! - האָט נחמיה אויסגעשריגן די ווערטער ווי אַ באַשלוס - איר ווילט מאַכן פון אונזער גאַס אַ שטיק מאה-שערים? איר ווילט זיך אויסמישן מיט די יהודים פון די פריילעכע גאַסן? צו פרי, בנים מיינע, צו פרי! ווי לאַנג כ'האָב ווייסע שנורן אין מיין באָרד, ווי לאַנג דער מאַרך ביי מיר איז נאָך נישט פאַרקילט, קען איך נאָכקוקן יעדע זאַך בשבע עיניים... און אייך, זאָגט מען דאָך מיר, ציט גאָר צו די מוידן? סיי דיך! סיי אים! - האָט ער שרייענדיק געפּירט מיט דער האַנט פון איין זון אויפן צווייטן - שכנים טראָגן מיר אַלץ אונטער! מען ווייס, אַז עמרם יאָגט זיך אין די נעכט נאָך דעם ווין-צאַפּערס מויד. זבולון שטעלט אויך אַריין אַ פוס אין נסים מזרחיס הויז. באַלד וועט אייער שוועסטער צפּורה אויך ציען צו אַ פרעמדן יונג... און אַז ס'טרייבט אייך צו מוידן, איז אַ שאָד צו פאַרלירן רייד איצט פאַר שקיעה... אויב ס'ציט אייך צו הפקרות, איז אַ היים צו דער שכונה, אַ היים צו די קאַראַימישע הויפן!

- ב -

אין קאַראַימישן הויף האָט  שוין געוואַרט רפאל דער סרסור. ער איז געזעסן אויף אַ שטיינערנער באַנק. ער איז געווען רויט ווי אדום. דאָס פעטע פּנים, געגאָלט און נאַקעט, קיין שפּור פון אַ פּאה. די באַקן און דער שטערן ביז איבער די אויערן, זענען געווען באַשאָטן מיט אומצייליקע זומער-פלעקן, ווי מיט געלבלעכע פעלד-בלעטלעך.

רפאל איז געווען באַוואָפנט מיטן גאַנצן כלי-זין פון אַ פרידלעכן מזרח-מענטש. אַ בייטש געשליפענע קרעלן און אַ באַצירטן מאכמעדאַנישן שטילעט. ביים דערזען נחמיהן מיט זיינע בנים, האָט רפאל זיך אויפגעשטעלט. ער איז זיי אַקעגן געגאַנגען ביז צום טויער נישט ווי אַ גאַסט, נאָר גלייך ער אַליין וואָלט געווען דער באַלעבאָס און מכניס אורח. ער האָט זיך פאַרנויגט. פון זיינע ליפּן האָבן זיך געקייקלט ווערטער ווי האָניק טייגלעך;

– ווי ס'ציט אַ קעמל צום מדבר אַזוי ציט מיך צו ציגל, צו שטיינער... כ'בין שוין ס'דריטע מאָל דאָ. און וואָס איך האָב ליב איז, אַז אַ בנין זאָל נישט זיין קיין טויטע זאַך. ס'זאָל זיך רוקן ווי אַ פערד, ווי אַן אייזל... היינט שטייט דער בנין אין דער הינטער-שטאָט און מאָרגן – אין רוממה צווישן די מיוחסים. היינט זאָלן די מזומנים באַלאַנגען צו דיר נחמיה, און די געביידע צו ברוך ווינהענדלער, און אַ חודש שפּעטער, זאָל ווידער ברוך ווינהענדלער זיין דער בעל-אלפים און אַן אנדער ישראלי דער בעל-נכסים.

בעת רפאל האָט גערעדט, האָט נחמיה זיך נישט צוגעהערט. ער האָט גייענדיק איבערן הויף זיך נישט אָפּגעשטעלט, נאָר געשפּרייזט מיט גיכע טריט. דער סרסור איז אים נאָכגעגאַנגען. ביי יעדן שריט וואָס ער האָט געשטעלט, האָט ער געמאַכט אַ נייע הבטחה.

– מיינסטו דאָך אַז איך רעד צו די ווינטן, צו די רוחות? גענאַרסטו זיך נחמיה. כ'האָב אַ פּאַרטיקע זאַך. אַ לולב מיט אַן אתרוג... כ'מיין, מען קען זיך שטעלן בענטשן. און דו קענסט דעם בעלן. ער וויל דעם בנין וואָס שטייט צום פּראָנט, צו דער מלכים-גאַס. "את רחל בתך הקטנה"... דאָס האָט ער זיך אויסגעקליבן! ער וועט קויפן און צאָלן. כ'גיב מיין הבטחה, ער וועט ציילן אלפים.

ביי די הויז-טרעפּ האָט נחמיה מיט אַ מאָל זיך פאַרהאַלטן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף רפאלן וואָס טיילט די הבטחות, פונקט ווי די אלפים, און אַ כעס האָט זיך אין אים אויפגעוועקט. די בליקן האָבן זיך געהויבן צו די וואָלקנס, וואָס רוקן אָן מיט פינצטערניש און דערנענטערן די נאַכט. ער האָט זיך געבייזערט.

– אָנשטאָט אָפּצוּוואַרטן וואָס רפאל וועט באַשליסן, צי ער וועט יאָ גיין, צי ער וועט בלייבן, איז נחמיה גלייך צוגעלאָפן צו עמרמן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אויסשפּאַנען פון זיין וועגעלע. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן איין קויש, אַ צווייטן און אַ דריטן און אַ באַוואָפנטער, גלייך ווי ער וואָלט געטראָגן הייסן וואָפן, איז ער אַקעגן געלאָפן זיין שונא, דעם רויטן רפאל.

עמרם איז דעם פאָטער פאַרלאָפן דעם וועג און אים אָנגענומען פאַר ביידע הענט:

– טאַטע, וואָס איז די רוגזה? וואָס איז די חמימה? שלאָגן גאָר? און דו פאַרגעסט אַז רפאל האָט אויך אַ תפילין-האַנט? ער קען אויך דערלייגן! אויב דו ווילסט נישט מיט אים ריידן, שיק אים צו דער מאַמען. זי האָט אים גערופן.

אַז עמרם האָט אַרויסגענומען די קוישן פון זיין פאָטערס הענט, האָט דער כעס ביי נחמיהן גענומען נאָכלאָזן און ער האָט זיך גערוקט אויף צוריק. ס'איז אונטער געקומען דער צווייטער זון זבולון און גענומען ציען רפאלן אויף אַ זייט.

פונעם ברונים וואָס אין מיטן הויף האָט זיך דערנענטערט מיט די שלייכנדיקע טריט נחמיהס טאָכטער, צפורה, אַ באָרוועסע. אירע בלויע, אָפענע אויגן זענען געווען טונקל און בלינד. מיטן זעקסטן חוש פון אַ בעל-מום, האָט זי דערשנאַפּט די געפאַר פון אַ געשלעג. זי האָט אָנגעכאַפּט דעם פאָטער פאַר אַן ארבעל און גענומען קושן זיין האַנט:

– שלאָג נישט טאַטע, צפורה האָט מורא פאַר קלעפּ, טרייב נישט רפאלן. ער איז אַ גוטער. ער האָט ליב צו דערציילן פון ווייטע לענדער. ער ווייס פון באַוואַסערטע מדבריות, פון קעמלען מיט פליגלען...

רפאל, נאָך רויטער ווי אדום, מיט פייער אויפן פנים, מיט פייער אין די האָר, האָט זיך גענומען בלאָזן, ווי אַ פּענכער. אָבער דאָס, וואָס דער צווייטער צד אין דער משפחה, דאָס ווייב און די טאָכטער האַלטן מיט אים, האָט אים נישט געלאָזט זיין געפאַלן ביי זיך. ער האָט אַ שמייך געטאָן אין דער לופט מיט דער בייטש קרעלן – אַ צייכן פון מונטערקייט. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען אַ בייטל מיט געשטויסענע טאַבאַק-בלעטער, האָט אַ צי

געטאָן און דערנאָך האָט ער דערלאַנגט צו די נאָז-לעכער פון עמרמען און זבולונען זיי זאָלן אויך אַריינציִען דעם ריח פון די שמעקעדיקע בלעטער, און דאָס צעפּלאַמטע פּנים האָט געשיינט און געשטראַלט.

די הויז-טיר האָט זיך געעפנט, און איבער די טרעפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גאָל-הויטיקע פרוי, אין אַ ווייס קלייד, מיט ברייטע, שוואַרצע פּאַסן ווי אַ טלית, אויף די פּיס-סאַנדאַלן פון פּראָפן-האָלץ. דאָס איז געווען נחמיהס ווייב. זי האָט גערופן רפאלן מיט די הענט. און דאָס פּנים, אַ מיושבדיקט, האָט טרויעריק געלאַכט:

– רייד צו מיר, רפאל, רייד צו מיר! מען קען נאָך האַנדלען. ווי לאַנג כ׳מעג נאָך צינדן און הייצן די פייערן, מעג מען טרייבן מסחר. און מיר וועט מען ציילן די אלפים. וועמען ברענגסטו פאַר אַ סוחר? טאַקע ברוך וויינהענדלער?

רפאל האָט איר אַ קעגן געטראָגן אַ ווייכן, צוגעלאָזענעם בליק:

– מען האַלט דיך פאַר א ווילדע, בת-שבע, און דו רעדסט ווי אַ בר-דעת. ביזט קליגער פון די זכרים.

– פאַר אַ ווילדע האַלט מען מיך? – האָט בת-שבע ריידנדיק, געצויגן דעם סרסור פאַר די לאַצן -דאָס האָט מיין מאַנסביל אַזוי פאַרשוואַרצט מיין נאָמען אין די מענטשנס מיילער. ער וואָלט מיך אַריינגעזעצט אין אַ דול-הויז אויך! כ׳שטיי אים ווי אַ פיש-ביין אין האַלדז... אָבער איך האָב צו זאָגן איבער דעם פאַרמעגן. די הייזער זענען מיין ירושה, דו ווייסט עס. ס׳קומט פון מיינע זיידעס. כ׳וויל איינס פאַרקויפן. נחמיה וויל אויך! ער וויל, דער מטורף! נאָר דו מיינסט אַז ער טרייבט דיך צוליב שבת? ער טרייבט דיך, ווייל ער קען דיין פּרצוף נישט אָנקוקן.

– וואָס, ער האַלט מיך פאַר אַ וואָלף?

– אַלע ישראלים האַלט ער פאַר וועלף, דער פרומער לאָם! ער האָט פיינט אונזער געביין. ער געטרויט נאָר די קורדעסטאַנער יידן, ווייל זיי זענען אויך אַזוי פרעמד צו די ספרדישע משפחות. כ׳רעד צו אים, צו נחמיהן, מיר זענען ווינציק, אונזער שטאַם גייט אונטער. מען דאַרף זיך מישן מיט בלוט. מען דאַרף זוכן פאַר אונזערע זין טעכטער צווישן ספרדים און אשכנזים. און ער שיט איבער מיר קללות: "בעסער וואָלסטו געבליבן אַן עקרה, וואָלסט מיר נישט געבוירן קיין רינד, קיין קינד, איידער איך זאָל איינשליסן מחותנשאַפט מיט די תלמוד-יידן"...

– און דו וואָלסט צוגעשטימט דיינע יונגען זאָלן זיך משדך זיין מיט אשכנזים? – האָט רפאל געצויגן ווערטער, ווי אַ וואָרזאָגערין ציט קאָרטן.

זיי זענען זיך שוין משדך! ביידע, אי עמרם, אי זבולון – האָט בת-שבע געטייטלט אויף די זין, וואָס זענען געשטאַנען אין מיטן הויף, און היציק אַריינגערעדט אין פאָטער – ביידע יאָגן זיך נאָך אשכנזישע מוידן. און הלוואי זאָל אַ ליגן שטעקן אויף מיין צונג. יעדן טאָג קען עמרם אַ היים קומען מיט אַ בשורה – מאַמע, כ׳גרייט צו די אירוסין[2].

– מיט וועמען?

– טאַקע מיט אַן אשכנזיה. ביי רפאלן האָבן די זומער-פלעקן אויפן רויטן פּנים אויפגעלויכטן:

הייסט עס, כ׳קען שוין רייטן אויף צוויי קעמלען מיט אַ מאָל! אי כ׳וועל זיין דער מעקלער ביי דער קניה פון דיין הויז, אי כ׳וועל זיין דער שדכן ביי די אירוסין פון דיין זון. און ווייסטו, ווער ס׳איז די טאָכטער, נאָך וועלכער עמרם יאָגט זיך? זי איז ברוך דעם

[2] אירוסין – תנאים

ווײַנהענדלערס!

– ס׳אַרט מיך נישט, רפאל! ס׳אַרט מיך נישט צי ס׳איז אַן אשכנזישער ווײַנהענדלער, צי אַ ספרדישער ווערפּל-שפּילער... אַז ס׳פּאַלט מיר גאָרנישט אײַן זײַ פֿאָנדערצושיידן. כ׳וויל אַ ישראליש קינד. כ׳האָב ליב פֿריילעכע מענטשן. כ׳האָב ליב אשכנזים. דערפֿאַר וויל איך זײַ אויך פֿאַר שכנים אַרום אונזערע הויפֿן.

– צוויי מאָל מזל-טוב דיר, בת-שבע! מזל-טוב פֿאַר דער קניה! מזל-טוב פֿאַרן זיווג!

– איז רפאל אויפֿגעשפּרונגען און פֿון גדולה אַ וואָרף געטאָן די ביישע קרעלן איבערן אייגענעם האַלז.

– וואָרף זיך נישט מיט די מזלות! – האָט נחמיה דערהערנדיק די מזל-טובס געלאָזט שטיין די טומלדיקע בנים און צוגעשפּרייזט צום ווייב – אַז ס׳וועט קומען צו שמחות, בין איך אויך דאָ! און כ׳וועל נישט אַרײַנלאָזן אין דער משפּחה יעדן ירושלימער רייקאָ! כ׳וועל אַליין אויסקלייבן די מחתנים! און טאַקע צווישן די קאַראַימער!

– קאַראַימער, קורדעסטאַנער, אַרפֿעלער – אַלע זענען אייגענע מיוחסים אין ירושים – האָט רפאל, האָבנדיק אויף זײַן זייט בת-שבען, זיך נישט פֿאַרלוירן פֿון נחמיהס געשריי – כ׳ווייס, דו נחמיה ווערסט איצט אַ שפּיי טאָן און זאָגן "אַ ספרדי מיט אַן אלף, איז אויך אַ כלב". דו קענסט אויפֿעסן אַ תלמוד-ייד מיט די ביינער! אָבער נאָך קידוש, אַז דו וועסט זיך אויסניכטערן פֿון דער רוגזה, וועסטו אַזוינס איבער די ליפּן נישט ברענגען. קיין שטרייט! קיין געפֿעכט צווישן אונז! איין ישראל! איין ברוך הוא! דער סרסור האָט אויסגעשטרעקט זײַן רעכטע האַנט צום קאַראַימער – אַ צייכן, אַז בייזע רייד וועט ער אָפּשטויסן, און גוטע וועט ער צונעמען באהבה. נחמיה האָט זיך אַוועקגעדרייט פֿון אים. בת-שבע האָט אים אַ צופּ געטאָן פֿאַר אַן אַרבל;

– רייד מיט מיר! האַנדל מיט מיר! מוצאי שבת וועסטו ברענגען דעם סוחר, און אַז איך וועל זען דער פּאַרקופּער וועט מען ציילן די אלפֿים. און דו, נחמיה – האָט זי נאָכגעשריגן דעם מאַן, וואָס האָט זיך דערוויטערט מיט פֿלינקע שפּרייזן – נעם די בנים, טוישט די סוטאַגעס און גייט אָקעגן דעם שבת-קודש!

– ג –

נאָך קידוש, ווען דער פֿרייטאָג צו נאַכטס-מאָלצײַט איז שוין געווען אָפּגעגעסן אין קאַראַימישן הויז, האָט דער הויף-טויער זיך געעפֿנט און ס׳האָט זיך פּאַמעלעך אַרײַנגערוקט אַ פּאָרל. דאָס איז געווען עמרם, דער בכור, וואָס האָט פֿאַר אַ האַנט געצויגן נאָך זיך דבורן. דבורה, אַ געוויקסיקע, מיט צוויי צעפּ פֿאַרוואָרפֿן איבער די אַקסלען, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס געבלימלט קלייד. זי האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך עמרמען אָן חשק. זי האָט פּרובירט זיך צוריקציִען.

– לאָז מיך דאָ בלײַבן.

– קום, כ׳וועל דיך אַרײַנפֿירן אין הויז.

– וועסט נישט מורא האָבן?

– אַ פּאַרדינער האָט נישט קיין מורא, דבורה. ווי לאַנג איך בין דער הענדלער אין דער משפּחה, ווי לאַנג איך ברענג אַ היים דעם פּדיון, מעג איך אַליין מיר אויסקלייבן אַ בחורה.

– אָבער דײַן טאַטע איז אַ שטרענגער, שכנים האָבן מורא פֿאַר אים.

אָנשטאָט צו פֿאַרענטפֿערן דעם טאַטנס שטרענגקייט, אָנשטאָט אָפּצושפּעטן פֿון די שכנימס מורא, האָט עמרם אַרויפֿגעלייגט זײַן שווערע האַנט אויף דבורהס אַקסלען. ער האָט זי אײַנגעקלאַמערט און זי געפֿירט ווי מען פֿירט אַ געפֿאַנגענע. זי האָט זיך ביי אים געבעטן:

– גיי אַליין אַריין, עמרם!

– קום, דבורה, אָן בושה! קום! איך וועל פאַר דיר ריידן.

מיט אַ גערויש האָט דאָס טויער זיך ווידער געעפנט און ס'איז אַריינגעלאָפן אַ הויכער ייד, אין אַ שטריימל, אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע און אויף די פיס לעדערנע שטעק-שיך מיט הויכע, ווייסע, געוויקלטע זאָקן. אין דער פינצטער האָט דער גאַנצער הילוך און אימפעט פונעם ייד דערמאָנט נישט אַן אשכנזישן חסיד פונעם קוואַרטאַל מאה-שערים, נאָר אַ קאָזאַק פון די טשערקעסן-הויפן.

דאָס איז געווען ברוך וויינהענדלער, דבורהס פאָטער.

עמרם האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אַויסצודרייען און אַ קוק טאָן ווער ס'פּאַלט אַריין אין הויף, ווי ברוך האָט אין דער טונקלקייט דערטאַפּט דבורהן און האָסטיק זי גענומען שלעפּן פאַר אַן אַרבל.

– אותו רגע קום אַ היים, הערסט דבורה? מיט אַ "פרענק" שלעפּסטו זיך גאָר אַרום.

– טאַטע, רייס מיך נישט! – האָט דבורה זיך גענומען ווערן.

– כ'זאָל דיך נישט רייסן? אין אַזאַ אָנשיקעניש האסטו זיך אָנגעהאָנגען? און אין אַ פרייטאָג צו נאַכטס? ס'איז דאָך נחמיהס בכור, נחמיה דעם קאַראַימערס!

– ער וועט אויך זיין ר'ברוך דעם אשכנזיס – האָט דבורה טראָציק געענטפערט.

– וועמעס וועט ער זיין? – האָט ברוך פאַרשאַרצט אַ געדיכטע פאה איבערן רעכטן אויער, ער זאָל בעסער קענען הערן – מיינסט, ער וועט זיך מיט מיר מתחתן זיין? מיינסט דו האָסט אים אויסגעקליבן צו זיין...

– דו ווייסט גאַנץ גוט וואָס איך מיין, טאַטע! – האָט דבורה מיט אַ קוויטש זיך באַפרייט פון פאָטערס הענט.

– רעדסט ליצנות, דבורה? צי דו רעדסט טאַקע נעמנות? אַ בחור אַ חתן פאַר דיר? גוט! כ'קען אים געפינען אין אַ ישיבה, צווישן וויללערנערס. און איך דאַרף אים נישט זוכן צווישן די פרענקן...

– און וואָס האָבן דיר די פרענקן אַזוינס שלעכטס געטאָן? – האָט עמרם, אַ באַליידיקטער זיך אָנגענומען פאַר זיין שטאַם. ברוך האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער, דערנאָך אויף עמרמען און זיך צעפלאַמט:

– דיר בחור, האָב איך נאָר איינס צו זאָגן: כ'שטיי מיט דיין טאַטן אין האַנדל וועגן הויז. און אויב דו וועסט נישט אויפהערן אַרומצושלעפּן מיין טאָכטער אין די נעכט, ווערט אויס קויף! רפאל דער מעקלער האָט מיט מיר גערעדט וועגן דורכפירן אַ מסחר, אָבער נישט קיין שידוך!

ער האָט אַ שלעפּ געטאָן דבורהן פאַר אַ האַנט. ער האָט זי האַסטיק געפירט צום טויער און געשריגן;

– פאַראַן געגוג ישיבות אין ירושלים, פאַראַן גענוג למדנים! צו דעם דאַרפסטו זיך אַרומשלעפּן מיט אַ פרענק? מיט אַ פרענק פאַרך?

ווי נאָר דאָס הויף-טויער האָט זיך פאַרמאַכט, האָט אַ צווייטע טיר זיך געעפנט און נחמיה אַליין, אין אַ ווייסן קיטל איז אָנגעקומען. פון הויז איז אַרויס זיין ווייב בת שבע, און נאָך זייביידן – זבולון.

נחמיה האָט געשריגן אין דער פינצטערניש אַריין;

– ווער מאַכט אָן אַזעלכע קולות?

ער האָט געשטעלט ברייטע שפּריזן, זוכנדיק צו טרעפן די טאָכטער און ער האָט זיך גאָר אָנגעשטויסן אויפן עלסטן זון.

- עמרם?
- איך!
- כ'זע אַז דו! און אָן דער בתולה אויך! פאַרכטיגער און אָפּגעהיטענער זון מיינער!

עמרם, אַ געקרענקטער האָט זיך געגרייט צו זאָגן דעם אייגענעם טאַטן דאָס, וואָס ער האָט נישט געקענט אַריינזאָגן דבורהס פאָטער. נחמיה האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט אָנגעקליבן אויף די ליפּן ווערטער, בייזע און שטעכיקע, גרייט זיי צו וואַרפן אויפ' זונס קאָפּ. בת-שבע וואָס איז געשטאַנען הינטער אים, האָט אים אָפּגעהאַלטן:

- שווייג איצט נחמיה, מיט דיין תוכחה! שבת היינט!

זי האָט געלאָזט דעם מאַן מיט די זין הינטער זיך און גענומען שפּרייזן פאָרויס:

- קומט אַריין אין הויז! כ'וועל שטעלן אויפן טיש געשאָבענע רעטעכער און פּירות!

- ד -

מוצאי שבת גלייך נאָך הבדלה, ווען רפאל דער סרסור האָט געקלאַפּט אין דער טיר פון ברוך ווייןהענדלער כדי אים אהינצופירן אין נחמיהס הויז, האָט ברוך נישט געוואָלט עפענען. ער האָט זיך געדרייט איבערן חדר אין זיין פאַרגאַרטלטן שטוב-כאַלאַט און אַריינגערעדט אין זיין ווייב.

- כ'וועל אים נישט אַריינלאָזן! הערסט חנה, כ'וועל אים נישט אַריינלאָזן דעם רויטן פרענק!

- פרענק צו נישט פרענק! - האָט דאָס ווייב אים גענומען איינשטילן - מסחר איז מסחר! האלטסט דאָך ביים דורכפירן אַ קויף, יאָ? און אַלע ספרדים זענען ביי דיר אַלץ איינס?

- אַלע יוונים האָבן איין פּנים, און אַלע פרענקן האָבן איין רויטע יאַרמלקע. כ'געטרוי זיי נישט!

- רפאלן מעגסטו געטרויען. ער איז פונקט אַזאַ ערלעכער זאַק-פייפער ווי אַנדערע מעקלערס, און וויפיל מאָל האָט ער שוין אָפּגעשלאָגן די שוועל, ווילסטו אים איצט נישט אַריינלאָזן? כ'גיי עפענען.
- וועסט נישט עפענען, חנה!
- האָסט חרטה? ווילסט בטל מאַכן דעם קויף? אויב יאָ, דאַרפסטו אים אויך נישט לאָזן שטיין הינטער דער טיר. רוף אים אריין. ער וועט דיך נישט בייסן!

ברוך האָט פאַרדרוס געהאַט וואָס זיין ווייב באַנעמט נישט, זעט גאָרנישט, וואָס ס'טוט זיך הינטער אירע פּלייצעס. און אַז דבורה פאַרשווינדט פון שטוב אין פרייטאָג צו נאַכטס, ווער דערשנאַפּט עס? ער, דער טאַטע! און אַז מען דאַרף דבורהן צוריק אַ היים ברענגען פאַר די צעפּ? הייבט ער אויף די פּיס. ער מאַכט אַ שפּריי פון מאה-שערים ביז צום קאַראַימישן קוואַרטאַל! און זי, חנה? אַ וויך האַרציקע! זי איז גאָר אַ מליץ יושר פאַר דעם פרענק. ער האָט זיך צוגעבויגן צום ווייב:

- פאַרשטייסט טאַקע גאָרנישט, וואָס דאָ טוט זיך? רפאל מיינט נישט בלויז דעם הויז-קויף, ער האָט נאָך אַ כוונה...
- וואָס פאַראַ כוונה - האָט דאָס ווייב געפרעגט.
- ער וויל דיך מאַכן פאַר נחמיהס מחותנסטע!

חנה האָט פאַרגאַפט געקוקט אויפן מאַן, ווי ער וואָלט איר פאַרטרויט אַ גרויסן סוד. פון פאַרקלערטקייט האָט זי מיט די פינגער גענומען אָפּשאַרן פון טיש די געבליבענע קרישקעס פון שלוש סעודות. דערנאָך האָט זי טיפער אַראָפּגערוקט דאָס שוואַרצע שייטל-טיכל איבערן שטערן און פול מיט באַוואָרניש אַ פרעג געטאָן:

- דו מיינסט, אַז אונזער דבורה גייט אַרום מיט נחמיהס זון?
- איך מיין? איך זאָג נישט קיין בויך-סברות! און איך האָב נעכטן דבורהן געבראַכט צופירן פון נחמיהס הויף. אמת?
חנה האָט זיך אויפגעשטעלט. זי איז צוגעגאַנגען צום מאַן און אַ זאָג געטאָן.
- קיינער הייסט דיך נישט שליסן קיין שידוך מיט אַ קאַראַימער!
- איז בעסער אַז כ'וועל אָפּהאַקן באַלד ביים אָנהייב, אַז כ'וועל נישט האָבן קיין מגע ומשא וועגן ערשטן עסק, וועגן דער קניה, וועט צום צווייטן עסק אינגאַנצן נישט קומען.
- דאַרפסטו דעם מעקלער דאָס אַלץ אויסריידן, ברוך, און דווקא אָפּענע ווערטער. זאָג אים, דו זוכסט אַ פּאַרקויפער, נישט קיין מחותן. כ'רוף אים שוין אַריין.
זי האָט זיך געלאָזט אין צווייטן חדר צו דער טיר. ברוך האָט זי נישט פאַרהאַלטן, און ווי נאָר זי האָט דעם ערשטן דריי געטאָן מיט דער טיר-קליאַמקע, האָט אַריינגעשפּרייזט דער רויטער רפאל.
פון רפאלן האָט נישט אַראָפּגעקוקט דער שבת. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ וואָכעדיקן מלבוש, אַ קאָלירטע זשופּיצע. אויך דאָס פרידלעכע וואָפן - אַ בייטשל געשליפּענע קרעלן און דעם מאַכמעדאַנישן שטילעט - האָט ער איצט נישט געטראָגן מיט זיך. אַפילו די גרויסע פּנים-שפּרינקעלעך וואָס האָבן תמיד בעתן ריידן זיך געצונדן ווי פייער-טראָפּנס, זענען איצט געווען איינגעלאָפן.
פאַר אים איז געווען אַ שנאַפּ צו טון מיטן חוטם, צי די לופט אין הויז איז נישט צו שווער, צי מען קען זי איינאָטעמען. ער האָט געוווסט אַז ווען מען קומט צו אַן אשכנזי אין שטוב, דאַרף מען אָננעמען זיין פירונג, פאַרשטיין זיין לשון, ריידן מיט זיין נוסח... מיט דער היימישקייט פון א בן-בית. האָט ער גלייך צעקנעפּלט די זשופּיצע. ער האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שטול און זיך אַ פּאַטש געטון אין די הענט אַריין:
- גוט וואָך, אַדון ברוך, גוט וואָך גברת חנה!
- גוט וואָך, רפאל, גוט וואָך! - האָט חנה געענטפערט מיט ישוב און געלאַסנקייט, איינמאָל פאַר זיך, איינמאָל פאַרן מאַן.
ברוך האָט שטייענדיק אינמיטן צימער אָפּגעמאָסטן רפאלן פון קאָפּ ביז פּיס און באַשלאָסן אַז ער האָט נישט קיין יידישן אויסקוק. סיי זיין צורה, סיי זיין הלבשה פּאַסט זיך מער פאַר אַ ישמעאל, איידער פאַר אַ ישראל... ער האָט אים גלייך אַ וואָרף געטון אַ געבייזער:
- מיינסט רפאל, אַז כ'בין דיין קאָמעדיאַנט?
- קאָמעדיאַנט? - האָט רפאל אויפגעכאַפּט דעם זאָג, ווי אַ פרעמד וואָרט - וואָס ברוך, ווילסט זיך מיט מיר קריגן צו דער פולער וואָך?
נישט קריגן! כ'וועל דיר נאָר זאָגן אַז מיט דעם קויף איז אויס! כ'קויף נישט!
רפאל וואָס האָט איצט געדאַרפט אַראָפּפאַלן ביי זיך, נישט האָבן קיין לשון מער, האָט זיך דווקא נישט פאַרלוירן. ער האָט איבערגעוואָרט אַ ווײלע, ווי מען וואַרט איבער אַ ווינט, וואָס טראָגט זיך פאַרביי. און ווען ברוך האָט זיך אַלץ געהאַלטן ביים לעצטן וואָרט, האָט ער אַ פרעג געטון:
-וואָס איז געשען? אַ בלינד אייזל האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אונז? דער מוכר מיטן סוחר קענען זיך נישט צונויפקומען?
- ניין, ס'איז דאָ אַן אנדערע זאַך, און דו דאַרפסט עס וויסן.
- אויב ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך אין ירושלים, און איך וויס נישט דערפון, שעם איך זיך מיט מיין עלטער... און כ'וועל וויינען אויף מיין בושה. אָבער דו ר'ברוך, אַן אשכנזישער

למדן, אַ חסיד פון מאה-שערים, דאַרפסט נישט פאַרשעמען אַ ספרדישן עם-הארץ... זאָג, וואָס איז די סיבה?

ברוך האָט נישט פאַרטראָגן וואָס דער פרענק מאַכט זיך שאינו יודע לשאול... געבראָטן איז ער ווי אַ טערק און אַ פנים שטעלט עס אָן ווי אַ פערס. ער האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר אַן אַרבל.

- זאָג רפאל, וואָס ביזטו? אַ מעקלער צי אַ שדכן?

- אַ מעקלער! אַוודאי אַ מעקלער! - האָט רפאל זיך גענומען רוקן אויף צוריק - פון ווען אָן איז רפאל דער סרסור אַ שדכן?

- טאָ וואָס פּירסטו מיר אונטער אינמיטן דרינען אַ שידוך?

- אַ שידוך פיר איך אונטער? פאַר וועמען?

- פאַר דבורהן.

ערשט איצט האָט רפאל זיך געכאַפּט ווו ס'ליגט דער שטיין. מיט איין שאַר, האָט ער געוווסט, קען ער דעם שטיין אַוועקשטופּן. ער האָט אָנגעשעפּט אַ פול מויל מיט לופט, ווי אַ לויפער, וואָס גרייט זיך אַ שפרונג צו טון פאָרויס און אָנגעהויבן:

- אויב דאָס איז דער אָפּהאַלט, וואָס דאָס יונגווארג שפּאַצירט אין די נעכט, קוקט צו דער לבנה-ליכט און פאַרטרייבט די פאַרליבטע האָזן - זאָלן זיי שפּאַצירן. פון דער לבנה-ליכט ברעכט נישט אויס קיין פייער און פון האָזן-ניס ווערן נישט געבוירן קיין זכרים... לאָז זיי שפּאַצירן, ברוך, לאָ זיי אַזוי!

- נישט איך וועל זיי לאָזן! ס'ווערט שוין אָפּגעשטעלט! און איך קויף נישט!

- דו זאָגסט אויך אַזוי, חנה? - האָט רפאל אויסגעדרייט זיין מענה-לשון צו ברוכס ווייב - וואָס האָט צו טון אַ קאַץ מיט הינערישע פעדערן?... און אַז צווישן דבורהן און עמרמן ווילקט זיך אַ שנור, דאַרף מען פאַרזען אַזאַ שעת הכושר? אַזאַ מציאה? ס'איז דאָך אַ גאָלדענער אתרוג, איינגעלייגט אין אַ ביקס פון עלפאַנטביין... דאָס הויז איז אויף דער מלכים-גאַס, אַ שטיינערנער מיוחס! ס'שטייט צווישן די מויערן פון קאָנסולן און וועזירן! און נעמען קען מען עס אין גאַנצן פאַר צוויי אלפים...

חנה, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געפלאָטערט, אַז אַ קריגערײ זאָל נישט אויסברעכן, האָט אַ רגע זיך פאַרטראַכט. רפאלס לעצטע ווערטער האָבן געמאָנט פאָרזיכטיקייט. נישט בלויז פאָרזיכטיקייט האָבן די ווערטער געמאָנט, נאָר אויך ישוב-הדעת וואָס קומט פון וויבערישער אויסגערעכנטקייט. יאָ מציאה צי נישט מציאה. אַן אומגעזעענעם חפץ וואַרפט מען נישט אַוועק. זי האָט געזאָגט.

- היץ זיך נישט ברוך, האָסט באַשטעלט אַ מענטש, האַלט וואָרט! בעסער זאָלסט אַהין גיין אין נחמיהס הויז. און אַז וועסט נישט קענען דורכקומען, צווינגט דיך קיינער נישט. דו ווייסט דעם וועג צוריק נאָך מאה-שערים. און זי האָט זיך אויסגעדרייט מיט אַ פרומער העויה צו רפאלן:

- מען דאַרף אַ מענטש נישט צופיל איבעררייד ן. אַז ס'וועט זיין באַשערט פון גאָט, וועט עס אַליין קומען...

רפאל האָט זיך אַזש אונטערגעשאָקלט מיט זיין שווערן גוף, אַזוי שטאַרק האָט ער אָנגעקוואָלן:

- דו חנה, רעדסט מיט הכמה! כ'בין בטוח, אַז ביי נחמיהן וועל איך קיין צען ווערטער נישט פאַרלירן. מען קען זיך פאַרלאָזן אויף רפאלן. און דאָס וואָס דבורה מיט עמרמן חברן זיך צוזאַמען - האָט ער ריידנדיק געפירט מיט אַ פינגער פון איין וואַנט צו דער צווייטער - אויב כ'וועל זיי קענען פונאַנדערטרייבן, בנאמנות שלי! כ'וועל עס טון. כ'פאַרשטיי,

מאיר חרץ / ירושלים

## ווען נישט דער חלום

ווען נישט דער חלום, וואָלט קיין לעבן נישט געווען,
מיר וואָלטן מער נישט ווי די וואָר געזען,
אויך דעמאָלט נאָר, ווען ס'איז אָפן אונדזער אויג,
פאַרמאַכטערהייט וואָלט עס נישט געטויגט.

צום חלום גראָד איז אונדזער אויג אַ שטער,
דו עפנסט עס, איז די וועלט איבערגעקערט,
ווי פֿריער זי געווען איז פאַרן שלאָפן גיין,
ווי קען מען לעבן מיט דער וואָר אַליין?

ווי קען מען לעבן מיט דער איינער זייט?
זאָל זיין די רעכטע זייט, נאָר אייביק אָן אַ בייט,
מע בייט דאָך אויך דאָס העמד, וואָס אויפן לייב
און אַ ס'איז שווער אַליין צו זיין, איז נעמט מען זיך אַ ווייב.

און מאַן און ווייב איז דאָך אויך אַ פּאָר
פון רעכטס און לינקס, פון חלום און פון וואָר
און ווען דער מאַן ז'פאַרזונקען אין אַ חלום טיף,
דאָס ווייב אים שלעפט אַרויס ווי אַ זינקענדיקע שיף.

ירושלים, 14-טער אוגוסט, 1990

---

ברוך, כ'פאַרשטיי... כ'בין אויך אַ טאַטע. כ'האָב טאַקע אַ "פרענקיש" האַרץ, אָבער ס'קלאַפּט ווי אַ פּויק...

– אויב אַזוי, גיי איך! – האָט ברוך אַ זאָג געטון – נאָר מיט איין תנאַי: דו, רפאל, זאָלסט שוויגן. גענוג! ריידן זאָל דער בעל-דבר, דער קאַראַימער!

– ווי דו האָסט געזאָגט, האַר און געביטער! – האָט רפאל זיך אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט – אַ וואָרט, אַ באַפעל, אַ דבור, אַ געבאָט!

ברוך האָט איבערגעבונדן דעם גאַרטל פונעם כאַלאַט און אַרויפגעצויגן אויף זיך אַן אויבער-קאַפּאָטע. שטייענדיקערהייט האָט ער געטוישט די וויכע שטוב-לאַטשן אויף אַ פּאָר פאַרשפּיצטע קאַמאַשן. און ווען ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, איז רפאל אַ צופרידענער אים נאָכגעגאַנגען און אים אונטערגעאיילט:

– נו, צו דער פולער וואָך, ברוך! לאָמיר אַריבערשפּרייזן די שוועל. און טאַקע מיטן רעכטן פוס!

(סוף אין קומענדיקן נומער)

## שטייניק

איך זע דעם סוף פון אַלע סופן פון די זאַכן
און קויף זיי אַלע יונגערהייט נאָך, ווען זיי לאַכן
און מיינען, אַז זיי וועלן אייביק זיין דאָ ווי זיי זענען,
זיי זענען דאָך נישט לעבעדיק אַזוי ווי מיר, זיי קענען
נישט אָפּשטאַרבן, למשל, ווי אַ ווערעמל, אַ קעצל,
וואָס בלייבט געפגרט ליגן אין אַ הינטערגעסל,
ביז וואַנען ס׳ווערט אַוועקגעשלעפּט. נאָך דעם וואַשט מען אָפּ די שטיינער
און די שטיינער ווערן ריינער, ריינער, ריינער
און זיי מיינען, אַז זיי וועלן זיין דאָ אייביק
און די גאַס וועט אייביק בלייבן שטייניק.

ירושלים, 27-טער נאָוועמבער, 1990

## קאָלאָריט

מע הערט זיינע ווערטער אין קלאַנג,
סיי ווען ער שעפּטשעט, סיי ווען ער שרייט,
נאָר מ׳זעט זיי נישט אין געדאַנק
נישט נאָענט און נישט אין דער ווייט.

מע הערט זיינע ווערטער אין קלאַנג,
מע גלייבט נישט אין דעם, וואָס מע הערט.
ווען דאָס וואָלט געווען געזאַנג,
מע וואָלט אויך געזען וואָס מע הערט.

ווייל יעדעס וואָרט איז אַ ליד
און יעדעס ליד - אַ קאָנצערט.
ביים זאָגן עס מיט קאָלאָריט,
זעט מען דאָס, וואָס מע הערט.

ירושלים, 29-טער, יאַנואַר, 1991

# ביים שענסטן ליד דיינעם געדענק

ביים שענסטן ליד דיינעם געדענק,
ביסט איינער בלויז פון פיר מיליאַרד
און ס'איז דערווייל די ערד נישט ענג
נישט מיר, נישט דיר, דעם אייגנאַרט,

דעם אייגנאַרטיקן פּאַרשוין,
וואָס טאָג ווי נאַכט דו ביסט פאַרטראַכט
און פּילסט די משא פון אַ קרוין
אויף זיך, פאַר קיינעם נישט געדאַכט.

דו פּילסט די וויכטיקייט, די וואָג
פון דיין פערזאָן, פון דיין פּאַרנעם
און ביזן סאַמע העכסטן שטאָק
דו טראָגסט דעם עול דיינעם, דיין שם.

דו שפּילסט די ראָל דיינע מיט ברען,
דיין שליחות פירט דיך בגעוואַלד,
ס'איז בלויז אַ שוועבעלע דיין פען,
ווייל ברענען ברענט דער גרויסער וואַלד,
ווייל ברענען ברענט דער וואַלד, דאָס האָלץ
און וואַרעמט אויך דיין שטאָלץ.

ירושלים, 15-טער מאַרץ, 1991

---

אָקערשט אַרויס פון דרוק אַן ענציקלאָפּעדיש בוך וועגן אַלע
יידישע שטעט, שטעטלעך
און דאָרפישע יישובים אין ליטע
פון בערל כהן
807 טאָפּל-שפּאַלטיקע זייטן גרויס פאָרמאַט.
פרייז - 35 דאָלאַר.
שרייבן צו:
Berl Kahn 2350 - 64 St, Brooklyn, N.Y. 11204 • Tel. (718) 998-5587

לילי בערגער / פּאַריז

# דער אומבאַקאַנטער קבר פון אַ מאָלערין
## (דערציילונג)

קיין נעקראָלאָג איז אין דער צייטונג נישט געווען. נישט פון משפּחה און נישט פון פריינד, אָדער קאָלעגן. קיין משפּחה האָט די געשטאָרבענע נישט געהאַט. קיין נאָענטע פריינד אויך נישט. קאָלעגן האָבן אין איר נישט געדענקט. די צייטונג האָט בלויז אין געציילטע שורות מודיע געווען, אַז די באַקאַנטע מאָלערין דבורה פלאָטעק איז מיט אַ צוויי וואָכן צוריק געשטאָרבן אין אַ קראַנקן-הויז.

בלומע האָט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ געלייענט די מודעה נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל זי האָט געזוכט וואָס מער זיך צו דערוויסן פון דער קאַרגער נאָטיץ, אַרויסצולייענען עפּעס פון צווישן די שורות. זי האָט זיך מער גאָרנישט דערוווּסט, מער גאָרנישט אַרויסגעלייענט ווי די טרוקענע מודעה. זי האָט געקלונגען אין רעדאַקציע פון דער צייטונג, צו באַקאַנטע מאָלער. אין ערגעץ און ביי קיינעמען האָט זי קיין שום ידיעות וועגן טויט און וועגן די לעצטע חדשים פון דער מאָלערין זיך נישט דערוווּסט. ווו איז זי געשטאָרבן? ווו איז איר קבר? מ'האָט איר געעצהט זיך אָנפרעגן ביים קראַנקן-אַנשטאַלט. אָבער ביי וועלכן? ווי איז זיין נאָמען?

בלומען זאָגשיין האָט זיך זעלטן ווען איינגעגעבן אַרויסצוהעלפן דבורהן אין אַן עת-צרה. אַליין האָט זי מיט מאָטערניש שטענדיק געצויגן די קאַרגע חיונה פון צייכענען מאָדעלן צום מאָלן זיי אויף זיידענע פּרויען-שאַלן. כמעט יעדעס מאָל ווען זי האָט באַגעגנט דבורהן אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה און מיט אַ האַרץ פול מיט קלעמעניש, איז זי גראָר אַליין געווען אויף גרויסע צרות - אָן אַרבעט און אַ צעקלעמטע. איר, בלומען, דוכט זיך איצט, אַז זי איז איר שולדיק אַ גרויסן הוב. דאָס וואָס זי האָט נישט געקאָנט טאָן פאַר איר פאַרן לעבן, וואָלט זי איצט, נאָכן טויט, געדאַרפט איר אָפּגעבן - כאָטש אָפּזוכן איר קבר. אין וואָסער אנשטאַלט האָט זי אָבער געקאָנט אָנשפּאַרן? וואָס האָט מיט איר פּאַסירט די לעצטע צייט?

בלומע האָט אָנגעהויבן זיך דערמאָנען די באַגעגענישן מיט דבורהן במשך פון לעצטן יאָר. געקענט האָבן זיי זיך פון לאַנגע יאָרן, אָבער באַגעגנט זיך זעלטן, בלויז ביי אַ געלעגנהייט, אָדער דורך אַ צופאַל. אויך די לעצטע באַגעגעניש, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון, איז געווען אַ צופעליקע.

* * *

ס'איז געווען אין אַ קאַלטן האַרבסטיקן טאָג. בלומע האָט געשפּאַנט אויף די גרויסע בולוואַרן אַ פאַרזאָרגטע. פונעם צוזאָג אויף אַרבעט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. ס'איז אַ שלעכטער סעזאָן אויף געמאָלענע שאַלן. אין קאָפּ האָבן געעגבערט צענדליקער פראַגן, אין האַרץ האָט ווי אַ וואָרעם געגנאָגט די עלנטקייט; די איינזאַמקייט האָט ווי אַן אייזערנע רייף געפרעסט די נשמה, ווו נאָך קאָן מען זיין אַזוי עלנט און איינזאַם ווי אין פּאַריזער טומל? אַליין אויף די פּאַריזער בולוואַרן?

זי האָט געזען אַ מחנה פאַרבייגייער, האָט אָבער נישט געזען קיין איינצלנעם מענטש. די מענטשן-מאַסע האָט איר אויסגעזען אַ ווייטע, אַ פרעמדע, אַ גלייכגילטיקע צו איר

עלנטקייט. דבורהן האָט זי אויך נישט באַמערקט. זי איז איר אָנגעקומען אַנטקעגן, פאַרשטעלט איר דעם וועג, אויסציענדיק צו איר די הענט מיט א גרויס בילד. דער לייוונט איז געווען אַרומגעוויקלט מיט צעקנייטשטע, צעריסן פאַפּיר און פאַרבונדן מיט צונויפגעקניפּטע שטריקלעך.

– גוט וואָס כ'האָב דיך געטראָפן. איך זוך אַ קונא. קויף דו דאָס בילד. אַ געלונגען בילד. ס'וואָלט אַ רציחה געווען ס'זאָל אַריינפאַלן צו אַבי וועמען אין די הענט. כ'וואָלט נישט געמוזט, וואָלט איך עס נישט פאַרקויפט, געוואָלט עס האַלטן פאַר זיך. קויף דו עס. כ'גיב עס אַוועק פאַר טויזנט פראַנק, ס'איז ווערט א סך מער. קויף עס, כ'בין אין גאַנצן אָן געלט.

– דבורה, ווייסט דאָך, אַז כ'האָב נישט קיין געלט. דערצו האָב איך פאַרלוירן די אַרבעט.

– האָסט נישט קיין געלט? אַלע האָבן דאָך, פאַרוואָס זאָלסטו נישט...?

זי האָט אָפּגעהאַקט. איר קערפּער האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן. זי האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

– זיי מיר מוחל, כ'רעד נאַרישקייטן, הוילע... נאַרישקייטן. דער קאָפּ איז היינט ביי מיר ערגעץ אַנדערש, כ'האָב קאָפּווייטיק.

זי איז צוגעפאַלן צום נאָענטן געשעפט און אָנגעשפּאַרט זיך מיט דער פּלייצע אין וואַנט. דאָס בילד האָט זי אַראָפּגעלאָזט צו אירע פיס. די הענט זענען אַראָפּגעהאָנגען אין אָנמאַכט. איר דראָבנע פיגור האָט זיך צוגעקלעפּט צום וואַנט ווי זי וואָלט אין איר אָן אָנשפּאַר געזוכט. די גאַנצע געשטאַלט האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט איינגעפאַלן, ווי אַ חורבה, וואָס זינקט איין אין דער ערד. דאָס מיט עטלעכע יאָר צוריק נאָך מיידלשע פּנים מיט די רויטע בעקלעך – פינצטער-גרוי, די אויגן אויסגעלאָשן, זיי לויפן אין די אויגן-לעכער, ווי זוי וואָלטן געוואָלט פון דאָרט ארויסשפּרינגען. זי האָט אַ ווילע געקוקט אויף בלומען אַ שווייגנדיקע. באַלד האָבן די פאַרטרוקנטע ליפּן ווידער אָנגעהויבן שטאַמלען:

-זיי מוחל, זיך טועה געווען. געמיינט ס'איז עמעץ אַנדערש. נישט געדאַרפט היינט אַרויסגיין, דער קאָפּ. נאָר ס'האָט מיך אַרויסגעיאָגט צו פאַרקויפן דאָס בילד.

דאָס פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט, די ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויסהיטן דאָס מויל נישט ארויסצוברענגען קיין איבעריקע ווערטער אָדער נישט דערלאָזן ס'זאָל אַרויסטריפן דער צער, וואָס האָט געשטיקט אין האַלדז.

ביי בלומען האָט זיך דאָס האַרץ שיער נישט אָפּגעריסן קוקנדיק אויף דבורהן. זי האָט פאַרשטאַנען: אין איר מוח האָט זיך אַקאָרשט עפּעס פאַרפּלאָנטערט. איצט האַלט זי די דערשלאָגנקייט אין קלעם. ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל. נישט אומזיסט האָט זי בעת דער אָקופּאַציע זיך געקאָנט אויפהאַלטן – און אויסבאַהאַלטן – אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק קראַנקע. שפּעטער פלעגט זי פון צייט צו צייט באַפאַלן אַ מרה-שחורה. די דערשלאָגנקייט איז געגאַנגען געפּאָרט מיט דער נויט און אייזנאַמקייט. ווען די מרה-שחורה האָט זי געהאַלטן אין קלעם פלעגט זי זיך פאַרמאַכן אין איר "שטייג" אויף לאַנגע טעג און מאָלן ווי אַ באַנומענע. אין אַזעלכע טעג און וואָכן זענען געבוירן געוואָרן רירנדיקע לייוונטן. אין איינער אַזאַן אָפּגעשלאָסענער איינזאַמקייט איז אויפגעקומען אַ מערקווירדיקער לייוונט מיט צוויי טויבן, וואָס טוליען זיך צו זיך מיט אַזאַ שטאַרקער צאַרטקייט, גראָבן אַזוי איינס אין אַנדערן איין די קעפּלעך, אַז זיי בילדן איין קערפּער. איר גאַנצע מיידלשע בענקשאַפט נאָך צערטלעכקייט, איר גאַנצן דורשט נאָך מענטשלעכער וואַרעמקייט האָט זי איבערגעגאָסן אינעם דאָזיקן בילד, וואָס זי האָט

געמאָלן ווען די עלנטקייט האָט זיך איינגעביסן אין איר גאַנץ וועזן. ווען די דערשלאָגנקייט האָט געפרעסט דאָס האַרץ.

זאָל איר איצטיקער אויסזען, אירע אָקאָרשט צעפלאָנטערטע רייד שטאַמען פון אַ נייעם מרה-שחורה-אָנפאַל?

בלומען איז נישט געבליבן קיין צייט אַריינצוטראַכטן אין דער זאַך. זי האָט געדאַרפט אָט שוין געפונען אַ רפואה פאַר איר. און די ערשטע רפואה דאַרף זיין אַזאַ, וואָס זאָל אָפּרוקן די נויט. זי האָט אויסגעליידיקט איר בייטעלע, גענומען ביי דבורהן דאָס בילד און צוגעזאָגט עס צו פאַרקויפן. מיט טויזנט פראַנק וועט זיך דבורה אַ ביסל שטעלן אויף די פיס. צוזאַמען מיטן פאַרטרייבן אַ ביסל די נויט, וועט זי פאַרטרייבן די פלאָנטערניש אין קאָפּ, די דריקעניש אין דער נשמה. פאַרוואָס זאָל זי, בלומע, נישט פאַרקויפן דאָס בילד? יאָ, זי איז גערעכט געווען דבורה, וואָס ס'איז איר אַ שאָד געווען צו פאַרקויפן דעם לייוונט. אַזעלכע בילדער ווערן געבוירן אין גרויסע געבורט-ווייען, ווען דער שאַפער רייסט שטיקער פון זיין האַרץ און לייגט זיי אַריין אין זיין שאַפונג. ס'איז אַ בילד, וואָס לאָזט נישט גלייכגילטיק. ס'איז דאָ וואָס אָנצובאָטן. איז ווער זאָל מען עס אָנבאָטן, אויב נישט אַ יידישער אינסטיטוציע?

בלומע האָט איבערגעפּאַקט דאָס בילד, עלעגאַנט עס איינגעוויקלט אין זייבערן, גלאַטיקן פּאַפּיר און זיך געלאָזט דערמיט אין דער צענטראַלער קולטור-געזעלשאַפט. ס'האָט איר צוגעגליקט: דער גענעראַל-סעקרעטאַר איז געווען אויפן אָרט. זי האָט אויפגעפּאַקט דאָס בילד און עס אַוועקגעשטעלט פאַר אים. זאָל ער פריער באַוואונדערן, במילא וועט ער עס קויפן.

– איר זענט געוואָרן אַ "מאַרשאַן דע טאַבלאָ"? איר הייבט אָן צו האַנדלען מיט בילדער?

בלומע האָט פאַר אים לאַנג און ברייט אַרויסגעלייגט די גאַנצע זאַך. ס'איז צו ראַטעווען אַ טאַלאַנטירטע מאָלערין. מיט טויזנט פראַנק וועט מען זי ממש דערהאַלטן בייס לעבן. סתם איז אַ נחת צו האָבן אויפן וואַנט אַזאַ בילד.

–כ'בין נישט קיין מבין אויף מאָלעריי. אַ נחת צי נישט קיין נחת צו האָבן דאָס בילד אויפן וואַנט, מיר קאָנען נישט אויסגעבן קיין געלט אויף אַזעלכע זאכן. כ'וויס, ווען ס'וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַ הונדערטער, א צווי הונדערט פראַנק, וואָלט מען אפשר אַ טראַכט געטאָן. אָבער טויזנט פראַנק אויסגעבן אויף אַ בילד? וואָס מיינט איר, גבירים זענען מיר?

בלומע איז לייכט נישט אָפּגעטראָטן, אויפגעוויזן, אַז דאָס בילד איז אַ מציאה, געפּרוווט אויך רעדן צום סעקרעטאַרס האַרץ:

– איר וועט האָבן אַ טאָפּלטן פאַרדינסט: אי אַרויסהעלפן אַ באַגאַבטער קינסטלערין, אי איינשאַפן דער אָרגאַניזאַציע אַ קונסט-ווערק. צו וועמען דען זאָל מען זיך ווענדן אין אַזאַ פאַל, אויב נישט צו אייך?

אויף איר איין פראַגע האָט ער איר געענטפערט מיט עטלעכע פראַגן:

– וואָס זענען מיר אַ מוזיי, אַ קונסט-גאַלעריע זיך איינצושאַפן קונסט-ווערק? מיר זענען דען אַ הילפס-אָרגאַניזאַציע אַרויסצולייגן אַזאַ סומע, ווייל די מאָלערין איז אין אַ נויט? איך בעט אייך, זאָגט מיר, פון וואַנען זאָלן מיר נעמען געלט דערויף?

וואָס צו ענטפערן אויף זיינע פראַגן האָט זי נישט געהאַט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'וועלן זיין אַרויסגעוואָרפענע רייד. און אפשר וועט זי מער מזל האָבן אין אַן אנדער אָרגאַניזאַציע. אין אַרבעטער-אָרדן קען זי עטלעכע פערזאָן פון דער פאַרוואַלטונג. זי האָט לאַנג נישט געטראַכט און געלאָזט זיך מיטן בילד אַהין זוכן מזל. ס'איז נישט ווייט,

מען דאַרף אַפילו נישט אויסגעבן אויף קיין מעטראָ-בילעט. האָט זי אָבער אויף צו להכעיס אַריינגעטראָפן, ווען אַלע זענען זינט צוויי שעה געזעסן אויף אַ זיצונג. נאָר זי האָט זיך געטרייסט: אַז די זיצונג דויערט שוין צוויי שעה, וועט זי זיך מסתמא אין גיכן ענדיקן, ס'איז כדאי אַ ביסל צוצוואַרטן.

זי האָט זיך טועה געווען. זי האָט געמוזט לאַנג וואַרטן. ס'איז דווקא געווען אַ זיצונג וועגן קולטור-ענינים, האָט זי געדויערט מער ווי פיר שעה.

ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט. אַלע זענען אויסגעמאַטערט געווען פון דער זיצונג און געאײַלט זיך צום אָוונט-ברויט אַ היים. בלומע האָט די טעלעכע באַקאַנטע פאַרוואַלטונגס - מיטגלידער פאַרהאַלטן פאַר די פאַלעס. זי האָט אויף גיך אויף ס'ניי אָנגעהויבן אַרויסצולייגן די זאַך. דער סעקרעטאַר פון דער קולטור-קאָמיסיע האָט צומאָל קיין קוק נישט געטאָן אויפן אויפגעפאַקטן בילד. ער האָט אַ פאַרווונדערטער געוועגדט די אויגן צו בלומען:

- וואָס טראָגט איר זיך עפּעס אַרום מיט אַ בילד? איר האָט שוין נישט קיין בעסערע געשעפטן? וואָס? מיר זאָלן אַרויסהעלפן דער מאַלערין און קויפן דאָס בילד? איר הערט אַ מעשה? ווען מיר וואָלטן געהאַט געלט, וואָלטן מיר אַנדערש אויסגעזען. מיר זענען איצט געזעסן מער ווי פיר שעה און צוזאַמען זיך געבראָכן די קעפּ מיט וואָסערע מיטלען מ'זאָל אויסברייטערן אונדזער קולטור-אַרבעט.

די אַנדערע האָבן זיך נישט אָפּגערופן. בלומע האָט זיך אויך מער נישט אָפּגערופן. זי האָט צוריק אײַנגעפּאַקט דאָס בילד און איז אַוועק. זי האָט געשפּאַנט לאַנגזאַם, אײַנגעבויגן ווי עפּעס וואָלט זיך אײַנגעבראָכן אין איר. דאָס בילד איז איר איצט שווערער געוואָרן צו טראָגן, דער רעכטער אָרעם האָט געצויגן. ווי אַזוי קאָן זי דעם לייוונט צוריקגעבן דבורהן? ניין, מ'טאָר נישט. ס'וועט זי נאָך מער צעטרייסלען. צו וועמען זאָל זי זיך אָבער נאָך ווענדן? וועמען אָנבאָטן? זאָל זי אפשר...?

זי האָט נישט באַוויזן צו דערטראַכטן זיך ביזן סוף. דעם וועג האָט איר פאַרשטעלט דער פּרעזידענט פון סוחרים-פאַרבאַנד שלמה לערנער. לערנער האָט דריי מעלות: ער איז אַ גוטער פּרעזידענט, אַ גוטער סוחר און אַ גוטער קאָלעקציאָנער פון בילדער. זיין קאָלעקציע האָט אַ שם. בלומע האָט צומאָל אָפּגעשטאַט בײַ אים אַ צייכענונג, וואָס זי האָט פאַרטראַכט פאַר אַ זיידענעם שאַל. ס'איז איר אין גאַנצן אַרויס פון זינען, אַז מ'קאָן זיך ווענדן צו אים, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז ער האָט נישט קיין ברייטע האַנט. הגם ער האָט איר געהאַט געזאָגט, אַז ער האָט שוין נישט ווו אויפצוהענגען, האָט זיך בלומע פאַרט משער געווען, אַז ער האָט זי אָפּגעשטעלט, ווען ער האָט דערזען דאָס בילד אין איר האַנט.

- וואָס אַזוי פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט?

ס'איז איר געוואָרן לייכטער אויפן האַרץ. זי האָט זיך גלייך גענומען אויפצופּאַקן דאָס בילד. אין איין אָטעם האָט זי איבערגעחזרט די מעשה. ער האָט ביים עלעקטרישן ליכט פון אַ שויב-פענצטער באַטראַכט דעם לייוונט און אָפּגעפּסקנט:

- אַ פינף הונדערטער איז דאָס ביי מיר ווערט. איר קריגט באַלד אויפן האַנט. קיין סענט נישט מער, ווי איר ווילט.

- ס'איז ווערט אַ סך מער, נעמט עס צו פאַר...

- קיין סענט נישט מער. ווי איר ווילט. כ'האָב נישט קיין צייט. מ'וואַרט אויף מיר אין שטוב.

זי האָט מורא געקריגן ער זאָל איר נישט אַנטלויפן, האָט אויסגעשטרעקט צו אים דאָס

בילד און שיער נישט צוריקגעצויגן. לערנער האָט מיט אַ ברייטן זשעסט איר דערלאַנגט פינף הונדערט פראַנק. בלומע האָט אויף צוריקוועגס צוגעטראַכט אַ מיטל ווי אַזוי פאַרצושטעלן דעם ענין דבורהן. זי וועט איר זאָגן, אַז זי האָט פאַרקויפט פאר טויזנט, נאָר דערוויילן באַקומען פינף הונדערט. גוט איז דאָס, זי וועט באַקומען אַרבעט וועט זי איר דערלייגן. אַ געדאַנק האָט אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ: פאַרוואָס נישט כאַפּן ביי עמעצן אַ פינף הונדערטער? פאַרוואָס נישט ביים מאָלער מוניע זיידלער? ער איז צוריקגעקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון יאַפּאַניע, געהאַט דאָרט אויסשטעלונגען, אַ סך פאַרקויפט.

זי האָט דעם זעלבן אָוונט אָנגעקלונגען צו אים. אַ באַרעדעוודיקער, שטענדיק אָן אויפגעלייגטער, האָט ער זי אָפּגעהאַלטן אַ שעה צייט ביים טעלעפאָן. זיין שמחה איז געפלאָסן צו איר דורך די טעלעפאָן-דראָטן, מ'האָט אים אומעטום אויפגענומען בכבוד גדול, אַלץ איז געגאַנגען ווי געשמירט. זיך צו באַגעגענען מיט אים האָט זי נישט געדאַרפט קיין סך אים אָנרעדן. ער טרעפט זיך זייער גערן מיט אַ פרוי. זאָל זי קומען אין "סעלעקט", אדרבא ואדרבא, ער האָט וואָס צו דערציילן.

ביי בלומען איז דאָס געמיט לייכטער געוואָרן. ביי אים וועט זי גיכער אַרויסרייסן די סומע, ווי ביי אַ ייד אַ סוחר. איידער דער קוועקזילבערדיקער און באַרעדעוודיקער מאָלער מוניע זיידלער האָט אָנגעהויבן איר דערציילן זיינע מעשיות, האָט בלומע אים דערציילט דבורהס טרויעריקע לאַגע צוליב וועלכער זי האָט געקלונגען צו אים.

– כ'האָב מיט אַ האַלב יאָר צוריק געגעבן פאַר איר אַ סומע געלט. פאַרוואָס ווענדט מען זיך נישט צו יידישע אָרגאַניזאַציעס, נאָר צו מיר? אַזוי פיל אָרגאַניזאַציעס פאַראַן! מען קלייבט שטענדיק געלט, ס'קומט צו עפּעס, ווען מען דאַרף העלפן אַ קינסטלער, קומט מען צו מיר.

פון דעסטוועגן האָט ער אַרויסגענומען פינף הונדערט פראַנק און דערלאַנגט בלומען. זיין שטימונג איז אָבער אַראָפּגעפאַלן. ביי בלומען האָט זיך די שטימונג געהויבן. זי האָט גערן אויסגעהערט אַ פּאָר צענדליק מעשיות, וואָס זיידמאַן האָט פאַרט דערציילט.

פון "סעלעקט" איז נישט ווייט צו דבורהן. בלומע האָט זיך געלאָזט צו איר מיט די צוויי פינף הונדערטערס אין בייטל און מיט פרייד אין האַרץ. זי איז קיין מאָל ביי איר נישט געווען, אָבער געוווסט ווו זי וווינט, געהאַט איר גענויעם אַדרעס.

אַן אַלטער, שמוציקער, לענגלעכער הויף. בלומע וואָלט נישט געגלויבט, אַז אויף סען זשערמען זאָל זיין אַזאַ הויף, אַזעלכע הייזער. נאָך לאַנגע זוכעניש האָט אַ לאָקאַטאָר איר אָנגעוויזן אויף אַן ערשטשטאָקיק שטיבל, וואָס הענגט ווי אין דער לופטן, ווי אַ שטייג און איז צוגעטשעפּעט צו אַן אַלטער חרובער געביידע. דער אַרויפגאַנג פירט דורך צעפוילטע טרעפּ פון דרויסן. אין פענצטער אָן אַ פאָרהאַנג איז אַן אויסגעהאַקטע שויב פאַרשטעלט מיט אַ טעקטור. איז דאָס מעגלעך דאָ זאָל עמעצער וווינען? זי איז אַוועק ווידער איבערפרעגן דעם לאָקאַטאָר. "יאָ, אַזוי איז דאָס, זי וווינט דאָרט".

בלומע איז געשטאַנען און געקוקט אויף דער צוגעטשעפּעטער שטייג, זי האָט געוואָלט עפּעס דערבליקן דורכן פענצטער, אָבער מ'קאָן גאָרנישט דערזען דורך די נאַקעטע שויבן, זיי זענען פאַרצויגן מיט אַ גרויער נעפּלדיקייט, זעען אויס ווי זיי וואָלטן שוין זייער לאַנג נישט געוועגן געוואַשן, אָדער אפשר קיין מאָל נישט געווען געוואַשן. זי האָט איבערגעטראָגן די אויגן אויף די צעפוילטע טרעפּ, דאָ און דאָרט זענען זיי איינגעבראָכן. איז נישט קיין געפאַר דורך זיי אַרויפצוגיין? זי האָט פאָרזיכטיק אָנגעהויבן קלעטערן, אָנהאַלטנדיק זיך ביי דער צאַם. זי האָט מיט האַרצקלעמעניש אָנגעקלאַפּט אין טיר.

קיינער האָט זיך נישט אפגערופן. זי האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דאָס קלאַפּן. קיין ענטפער איז נישט געקומען. פלוצלינג איז דערגאנגען צו אירע אויערן אַ שטיל דראַפּען פון דער צווייטער זייט טיר, א מויקען ווי אַ קינד וואָלט פאַרשטיקטערהייט געוויינט. זי האָט אָנגעשפיצט דאָס אויער: ווידער שטיל.

בלומע איז מיט האַרצקלאַפּעניש אַראָפּ פון די טרעפּ. זי וועט ווידער אַ פרעג טאָן ביים לאָקאַטאָר. זי האָט אָבער דאָס מאָל אָנגעטראָפן אויף דער אַלטער קאָנסיערזש, וואָס איז בעסער אינפאָרמירט וועגן די פירעכצן פון דער מאָלערין.

– מ'קאָן נישט וויסן צי זי איז יאָ דאָ אין שטוב, צי זי איז נישט דאָ. זי עפנט נישט ווען זי איז פאַרטאָן אין מאָלן. ס'מויקעט דאָרט זאָגט איר? מסתמא האָט זי אַריינגענומען די קאַץ, וואָס בלאָנקעט זיך אַרום אין הויף. צי ס'איז אַ סימן, אַז זי איז אין שטוב? ניין, ס'איז נישט. זי לאָזט אַ מאָל די קאַץ שלאָפן ביי זיך.

זאָל זי ווייטער קלאַפּן? וועט עס דען העלפן? אפשר איז זי טאַקע נישטאָ אין שטוב. צום בעסטן וועט זיין לאָזן אַ בריוול, מודיע זיין וועגן פאַרקויפטן בילד. וואָלט איר די שטייג אַזוי נישט אויפגערודערט, וואָלט זי איר אָנגעשריבן זי זאָל קומען אָפּנעמען דאָס געלט. ס'איז אָבער כדאי זיך מטריח זיין נאָך אַ מאָל צו זען ווי ס'זעט אויס אינעווייניק.

אויף צומאָרגנס אין דער פרי האָט זיך בלומע ווידער געלאָזט צו דבורהן, ווידער זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף די דורכגעפוילטע טרעפּ. דאָס בריוול האָט געשטעקט אין שליסל-לאָך אַזוי ווי זי האָט עס נעכטן געלאָזט. וואָס זאל דאָס באַדייטן? איז זי נישט אַרויסגעגאַנגען, אָדער איז זי נישט צוריקגעקומען? וועט איצט דאָס קלאַפּן אין טיר מער העלפן ווי נעכטן?

פלוצלינג האָט בלומע אַ צאַפּל געטאָן. פון דער געעפנטער טיר האָט זיך אַרויסגעשלייכט עפּעס אַ באַשעפעניש און זיך דורכגעגליטשט פאַר אירע פיס. איידער זי האָט דערזען די קאַץ, האָט זי פון איבעראַשונג שיער זיך נישט אַראָפּגעקייקלט פון די שטיגן. די גרויסע, גרויע קאַץ איז מיט קעצישער פלינקייט געשפרונגען פון די שטיגן, ווי זי וואָלט זיך געאיילט אויסצופילן אַ שליחות פאַר איר אפוטרופוסטע. ווי גיך בלומע איז אַריין, האָט דבורה צוריק פאַרקלאַפּט און פאַרריגלט די טיר.

– דבורה, וואָס איז מיט דיר? כ'בין נעכטן דאָ געווען. פאַרוואָס עפנסטו נישט? פאַר וועמען האָסטו מורא?

כ'האָב דען מורא? כ'וויל נישט מ'זאָל אַריינקומען, ווען איך מאָל. כ'פאַרטראָג נישט ווען מען קוקט ווי אַזוי איך אַרבעט, ס'פאַלט מיר דעמאָלט פון די הענט. כ'דאַרף אויסענדיקן עטלעכע בילדער. ס'גייט מיר לעצטנס שווער, כ'מאַך כסדר איבער, קראַץ אָפּ אַ פריערדיקן פלעק און לייג אַ נייעם; קראַץ אָפּ און שמיר אויף ס'ניי מיטן פענדזל. עפּעס טאַטשעט מיר שטאַרק אינעווייניק, כ'מוז עס אַרויסלייגן אויפן לייוונט, נאָר ס'לאָזט זיך נישט. כ'מוז אַ סך אַרבעטן, שווער אַרבעטן.

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ טאַבורעטקע, ווי די עטלעכע זאַצן וואָלטן זי דערשעפּט. בלומע האָט זיך ערשט איצט אַרומגעקוקט אין צימער: די געקאַלכטע ווענט פאַרצויגן מיט איבערבלייבענישן פון שימל, די הילצערנע פּאָדלאָגע דאָ און דאָרט צעדראַפּעט פון אַלטקייט, דאָס שמאָלע אייזערנע בעטל איבערגעצויגן מיט אַן אויסגעריבענער, צעקנייטשטער קאָלדרע. אין מיטן צימער אַ מאָלברעט. אויפן מאָלברעט אַ לייוונט אין דער אַרבעט, אַן אָנגעצייכנטע, אויסגעבויגענע פרויען-געשטאַלט מיט צוזאַמענגענומענע פאַר זיך פאַרבראָכענע הענט. ביי די ווענט בילדער מיטן רוקן צום צימער. צווישן די פיר פאַרשימלטע ווענט שוועבט אַן אומעט. אומעטיקער פון אַלץ איז די

מאָלערין גופא. ערשט איצט איז קענטיק ווי שטאַרק זי האָט אָפּגעמאָגערט. די פּלייצע איז אויסגעבויגן ווי זי וואָלט אויף איר אַ שווערע משא געטראָגן. די באַקן איינגעפאַלן, די אויגן גלאַנצן מיט אומהיימלעכע פונקען. אויגן -שטיקער פלאַמיקער אומעט.

ארומקוקנדיק זיך איז בלומען אין אויג אַריינגעפאַלן אין אַ ווינקל אַ טעלערל מיט אַ ביסל פאַרבליבענער שפּייז. ס'האָט איר דערמאָנט אין דער קאַץ, וואָס האָט זי אַזוי איבערגעשראָקן.

- דבורה, דו האָדעוועסט אַ קאַץ? צו דעם רומל פּעלט דיר צו אַ קאַץ?

- כ'האָדעווע זי נישט, נישט מיין קאַץ. קיינער האָדעוועט זי נישט. אַ היימלאָזע, בלאָנקעט זיך אַרום אין הויף אַ הונגעריקע, אַ פאַרפרוירענע. זי האָט קיינעמען נישט ווער ס'זאָל זיך פאַרנעמען מיט איר. איך האָב אויך קיינעמען נישט. כ'נעם זי טיילמאָל אַריין. ס'איז אַ רחמנות. ס'איז אויך היימלעכער מיט איר. אַז זי מויקעט צו מיר, איז פונקט ווי אַ מענטש וואָלט צו מיר גערעדט. איך פאַרשטיי איר צער פון היימלאָזיקייט, זי פאַרשטייט זיכער אויך מיך, זי טוליעט זיך צו מיר, גלעט מיך מיטן קאָפּ, מ'איז ווייניקער איינזאַם, ס'איז פונקט אַזוי...

זי האָט זיך אין מיטן דערינען דערמאָנט אין פאַקויפטן בילד:

- האָסט טאַקע פאַרקויפט מיין בילד? פאַר טויזנט פראַנק?

בלומע האָט איר דערלאַנגט דאָס געלט. זי האָט געקוקט דערויף מיט גלייכגילט, דערנאָך זיך אָפּגערופן:

- ס'איז מיר אַ שאָד וואָס ס'איז פאַרקויפט. כ'האָב עס געוואָלט האַלטן ביי זיך. אַן איינגעגעבן בילד, נאָר איך וואָלט נאָך דאַרט עפּעס געענדערט. אַ בילד דאַרף לאַנג בלייבן אין שטוב, כ'האָב עס צו גיך אַרויסגעטראָגן. צו פאַרקויפן גדאַרפט אַרויסטראָגן אַן אַנדערס. מיינע בעסטע בילדער אַרויסגעטראָגן צו גיך, אַלע מאָל עמעצן אוועקגעגעבן פאַר אַ שיבוש.

- ווייז מיר דיינע אַנדערע בילדער.

- נישט איצט, נישט איצט. כ'דאַרף אַליין איבערקוקן, זען וואָס מ'קאָן שוין ווייזן. כ'האָב ליב אַוועקצושטעלן אַ בילד און דערנאָך זיך אומקערן צו דעם, עפּעס פאַרבעסערן. וועסט קומען אין אַ דריי-פיר וואָכן אַרום. ניין, קום נישט אַהער כ'האָב נישט ליב מ'זאָל אַהער קומען. אין עטלעכע וואָכן אַרום וועל איך קומען צו דיר מיט אַ צוויי בילדער, וועסט מיר העלפן פאַרקויפן.

ס'זענען אַוועק וואָכן. ס'זענען אַוועק חדשים. דבורה איז נישט געקומען. זי האָט נישט געלאָזט הערן פון זיך. די טיר איז ביי איר שטענדיק געווען פאַרקלאַפּט. די גרויע קאַץ האָט אַ היימלאָזע זיך אַרומגעבלאָנקעט אויפן הויף. בלומע איז צופיל פאַרנומען געווען מיט זיך גופא. זי האָט לאַנג געזוכט ביז זי האָט געפונען אַרבעט. האָט זי דען פאַרגעסן אין דבורהן? זי האָט אַ צוויי מאָל אָנגעשריבן צו איר אַ בריוול, געוואַרט זי זאָל זיך אָפּרופן. זי האָט זיך נישט אָפּגערופן.

יענעם פרימאָרגן האָט בלומע געטראַכט, אַז מ'דאַרף געפינען אַ פרייע שעה זיך ווידער אַראָפּצולאָזן אין ווייטן פאַריזער קוואַרטאַל אויף סען זשערמען. מ'דאַרף זיך אויסקלייבן גאַנץ פרי מ'זאָל דבורהן טרעפן ביי זיך, אָדער זי זאָל זיך נאָך נישט האָבן גענומען צום מאָלן, זי זאָל באַוויליגן אויפצומאַכן די טיר. זי האָט זיך גענומען אַ קוק כאַפּן אין דער נעכטיקער יידישער צייטונג. אין די אויגן האָט איר אַ שפרונג געטאָן דער נאָמען דבורה פלאָטעק: א ידיעה וועגן איר טויט.

זי האָט די נאָטיץ געלייענט עטלעכע מאָל. די לעצטע באַגעגענישן מיט דבורהן זענען

איר דורכגעלאָפן פאַר די אויגן ווי אַ פילם-טאַשמע. זי האָט יענע פּאַסירונגען איצט געזען, געפילט ווי זיי וואָלטן אָקערשט פאָרגעקומען. אַזוי נאָענט איז דאָס, וואָס איז געשען מיט אַ סך חדשים צוריק, און אַזוי ווייט שוין דאָס, וואָס האָט פּאַסירט בלויז מיט אַ צוויי וואָכן צוריק. ווען און ווי אַזוי איז זי אַוועק אין קראַנקן-אַנשטאַלט? אין וועלכן קראַנקן-אַנשטאַלט? ווו איז איר קבר? האָט זיך ווער מיט איר פאַרנומען אין אירע לעצטע טעג? האָט זיך אַ פריינדלעכע האַנט אויסגעצויגן צו איר? איז געקומען פון עמעצן אַ וואַרעם וואָרט, וואָס זאָל לינדערן דאָס שווער געמיט, פאַרטרייבן אַ ביסל די מרה-שחורה?

אַ שטימע האָט זיך אָפּגערופן אין איר האַרץ: "וואָס שטעלסטו פראַגן אנדערע, אָדער סתם אין דער וועלט? שטעל זיך גופא די דאָזיקע פראַגע".

זאָל זי כאָטש איצט, נאָכן טויט, זי נישט לאָזן אויף הפקר. מ׳דאַרף זיך דערוויסן ווו זי איז באערדיקט געוואָרן.

בלומע האָט זיך מיט אימפּעט גענומען זוכן דעם קבר פון דער מאָלערין דבורה פלאָטעק, ס׳איז אָבער נישט געווען קיין לייכטערע זאַך, ווי בעת זי האָט געזוכט איר צו העלפן פאַרן לעבן.


## אַ ביכל נייע זינגלידער פון ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן

מיר האָבן באַקומען דאָס ביכל זומערטעג - **צוואָנציק זינגלידער** פון דער באַוווסטער פּאָעטעסע-קינסטלערין ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן, אַרויסגעגעבן פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס און דער יידיש-ליגע. דאָס זענען נייע זינגלידער צום טייל ליריש-ראָמאַנטישע, צום טייל געזעלשאַפטלעך-פאַרווײַלערישע. אָפּגעדרוקט איז סיי דער יידישער טעקסט, סיי די טראַנסליטעראַציע, ווי אויך די ענגלישע איבערזעצונגען פון די לידער. די נאָטן האָבן אויך מוזיקאַלישע פאַרצייכענונגען פאַר גיטאַרע-אַקאָרדן. דאָס ביכל איז שיין אַרויסגעגעבן, מיט אילוסטראַציעס און האַלט 80 זייטן. דער פּרייז: צוועלף אַמעריקאַנער דאָלאַר (פּאַק-און פּאָסט-געלט אַריינגערעכנט). מע קען דאָס ביכל קויפן אָדער אין דער יידיש-ליגע:

אָדער ביי דער מחברטע:

League for Yiddish, Inc.
200 West 72 Street #40
New York NY 10023

Bella Gottesman
3338 Bainbridge Avenue
Bronx NY 10467

**חנן קיעל / ניו יאָרק**

## אַז דער זיידע איז אוועק

(משה לאַסטמאַן לזכרון)

אַז דער זיידע איז אַוועק אין דער אייביקייט
האָבן אים לעגענדעס און מעשות באַגלייט
פון פאַרגאַנגענע וועלטן, משפחהדיקע לייט,
נישט געשריבענע כראָניק פון אַן אַנדערער צייט;
שבתדיקע באָבעס, זמרותדיקע פעטערס,
דערשראָקענע יידן אין אָרעמע געטאָס,
געסעלעך, מאַרקן, שילן און טימעס,
פייגל-געזאַנג און קינדער-געשאַל
אַזוי ווי אַ חלום פון מאַרק שאַגאַל.

אַז דער זיידע איז אַוועק אין לעצטען וועג
ווו די זון פאַרגייט אויפן מעריב-ברעג
האָבן שאָטנס באַגלייט פון אַ לויטערע וועלט,
ווו דער בעז איז ווייס אין דאָס לעבן פריש
מיט פאַרליבטע טעג ווי אַ בלענדעניש,
די באָבע-כלה אין אַ ווייסן שלייער געהילט
און קלעזמער-מוזיק האָט צוגעשפילט
און מיטגעוויינט האָט דער פידלדיקער ווינט
ווען דער זיידע איז אוועק אין וויטן פאַרשווינד.

מיטן זיידן אין אַלע זיינע וואָגל-יאָרן
איז דער געטאָ-טרויער נאָכגעפאָרן
און טרעבלינקע-געוויין האָט געשטערט זיין שלאָף
ביזן בלויען טאָג, ביזן לעצטן סוף,
אַז דער זיידע איז אַוועק אין פיאָלעטן ראַנד
ווו ס׳דרעמלען די שטערן אין ערגעץ-לאַנד
האָבן אים פייער-מגילות באַגלייט
משפחה-זכרונות - אַ גאָלדענע קייט.

## גורל-נאַכט

לעצטע שטערן זיינען אויסגעגאַנגען אין גורל-נאַכט
ווען אונדזערע רויזן האָבן געברענט אויפן דאַך

פון זשעראָמסקיס גלעזערנע הייזער;
לעצטע שטערן-עדות פון אַ געפּרווירענער לעגענדע
אין פּוילישן שניי
האָבן מיטגעוויינט מיט אונדזער ווינטיקן געשריי.

די רויטע לבנה האָט מיט אונדז זיך מיטגעשיפּט
אויף יענער זייט מאָטלאַוואר בריק
איידער די נאַכט האָט אויסגעצאַפּט דעם לעצטן טראָפּ
פון מיין פריש געבוירענער ווילדער מוזיק;
פליגל-חזיונות האָבן זיך צו דיר געצויגן
אַריבער בלוטיקע פראָנטן
דיין האַרץ קלאַפּט אין מיינע טעגלעכע זאָרגן
איך בין דיין ליכטיקער פרימאָרגן.

אין יענער גורלדיקער נאַכט
פאַר מיינע שאָף האָב איך זיך געראַנגלט
מיט דער שכינה,
פאַר מיינע שאָף וואָס זיינען שוין
נישט געווען ביי דער ברינע;
אין מאָרגנרויט ווען כ׳האָב זיך אויפגעוועקט
אַ הינקענדיקער מענטש
וועמען האָסטו גאָטעניו געבענטשט?

## ס׳קען זיין

ס׳קען זיין, אויפן נאַכט-יריד
לויכט זיך נאָך מיין גלוביקער פּאָנאַר,
ס׳איז אפשר אונדזער מזל-קוויטל
נישט פאַרשפּילט לחלוטין;
כאָטש סע האָבן אַלע נסים
מיין גורל אויסגעמיטן
קען דער קריכער קומען נישט-דערוואַרט.
ס׳קען זיין, אויפן שפּיצבאַרג שקיעהקן
דער וואָלקן מיסטישער
איז דווקא נישט פון קלעטערן דער סוף;
אין נאַכט-טומאַן, ווען די לבנה שלאָפט,
דיין האַנט-באַריר איז ציטעריק און דאַר,
אין דיינע אויגן
לויכט זיך נאָך מיין גלוביקער פּאָנאַר.

עקיבא פישבין / פּאַריז

# דער "געקרייציקטער זינגער" - מאָצאַרט

## (צו די 200 יאָר פון זיין טויט)

הערט אַ געדאַנק פון אַ באַקאַנטן טעאָלאָג פון רעפאָרם-קריסטנטום - קאַרל באַרט: - "כ'בין זיך מודה און מתוודה - אויב האָב איך די זכיה אַ מאָל צו גיין אין הימל אַריין, וועל איך דאָרט ס'ערשטע זיך נאָכפרעגן אויף מאָצאַרטן; אים שפּעטער אויף דעם הייליקן אויגוסטין, דעם הייליקן טאָמאַס, לוטער, קאַלווין און שלייערמאַכער... און דער טעאָלאָג איז ממשיך - כ'בין גאָרנישט אַזוי זיכער, אַז ביים ליבן גאָט שפּילן די מלאכים די מוזיק פון באַך. דאַקעגן בין איך זיכער, אַז צווישן זיך שפּילן די מלאכים מאָצאַרטן און גאָט האָט זיי דווקא שטאַרק ליב צו הערן".

דאָס האָט געשריבן קאַרל באַרט מיט עטלעכע דרייסיק יאָר צוריק. היינט וועט אוודאי יעדער מענטש, וואָס האָט אַן אויער פאַר נגינה, דעם אָ הללויה לכבוד מאָצאַרטן אַפּלאָדירן. מיט 200 יאָר צוריק, ביים סוף פון מאָצאַרטס לעבן, וואָלטן מסכים געווען מיט קאַרל באַרט בלויז איינצלנע.

געשטאָרבן איז וואָלפגאַנג אַמאַדעוס מאָצאַרט דעם 5־טן דעצעמבער 1791, אויפן שוועל פון זיינע 36 יאָר, פאַרלאָזן כמעט פון אַלע; ער איז אויסגעגאַנגען אין דער רוישיק-מוזיקאַלישער שטאָט ווין אין נויט, פאַרבאָרגן אין חובות ביז איבערן קאָפּ. און ווי די קבורה זיינע האָט מ'שטיינס געזאָגט אויסגעזען... אַן אַנשטענדיקער באַלעבאָס איז זיך מיט זיין טויטן הונט מתעסק בעסער. מאָצאַרטן, דעם גאון שבגאונים, האָט מען באַגראָבן ערגער ווי אַ הונט!

אָבער, לאָמיר נישט כאַפּן און דערציילן אַלץ פון אָנהויב.

אָונט־צייט, דעם 19־טן נאָוועמבער 1791, האָט מאָצאַרט זיך דערפילט נישט מיט אַלעם. צומאָרגנס איז געקומען אַ דאָקטער און פעסטגעשטעלט אַן אָנהייב פון אַ נירן אינפעקציע. דער מצב פון קראַנקן האָט זיך געענומען שנעל פאַרערגערן; מען האָט געהאַלטן, אַז מאָצאַרט איז פאַרלוירן. דעם 5־טן דעצעמבער, אַרום חצות, האָט דאָס האַרץ פון גאון זיך אָפּגעשטעלט אויף אייביק.

באַלד אין דער פרי איז געקומען צו לויפן דער אַדעליקער וואַן-סוויטען, מאָצאַרטס אַ הייסער חסיד, זיינער אַ פּראָטעקטאָר, אַ פריינד, ווי אויך אַ "ברודער" פון דער מאַסאָנען-באַוועגונג. געקומען איז אויך אַ צווייטער פריינד און אַראָפּגענומען אַ גיפּסענע מאַסקע פון טויטנס פּנים. נאָך די קאָנדאָלענצן, האָט זיך געשטעלט די פראַגע - ווו נעמט מען געלט אויף אַ לוויה? אין שטוב איז קיין גרויס נגידישקייט נישט געווען די מער ווערטפולע זאַכן זענען געווען פאַרזעצט אין לאָמבאַרד און די איבעריקע שטוב-זאַכן האָבן באַטראָפן אַ שיבוש. אמת, געווען ביי מאָצאַרטן אַ ביבליאָטעק פון וויכטיקע ביכער - ביכער פון מאָליער און באָמאַרשע, ביכער פון די דייטשישע שרייבער - ווילאַנד און געלערט, פונעם איטאַליענער טאַס, געווען אויך דער "פעדאָן" פון ר' משה מענדעלסאָן, די מעשיות פון 1001 נאַכט, אַ ביסל פאַמפלעטן, און דער עיקר - אַ סך אָפּערע-ליברעטאָס. אָבער, ווער וועט פאַר דעם אַלעם געבן אַ צעבראָכענעם גראָשן? אַפילו די מאָצאַרט-מאַנוסקריפּטן וועט קיינער נישט וועלן קויפן. אַז די מאַנוסקריפּטן זענען ווערט גאָלד, דאָס וועט מען אַ ביסל שפּעטער זיך אַרומקוקן; דערווייל, איז נישטאָ קיין געלט אויף אַ לוויה...

האָט וואַן-סוויטען, אַ מענטש, אַ בר-דעת, געגעבן אַן עצה - היות , ווי ס'איז נישטאָ קיין ברירה, קומט אויס צו מאַכן אַ לוויה פון דריטער קלאַס; ד.ה. - ס'ביליקסטע, אַ מטת מת פאַר אַ קרייצער און אַן אַנאָנימער, אַלגעמיינער קבר. ווי זאָגט מען דאָס? אַז מען קאָן נישט אַריבער... יאָ, ווער איז געווען וואַן-סוויטען, דער נאָבעלער בר-דעת? וואַן-סוויטען איז געווען שוין ווייט נישט אַבי ווער. קודם, איז ער געווען אַ מענטש מיט איינפלוסן אין ווין, געהערט צו דער העכסטער קייזערלעכער אַדמיניסטראַציע. נו, און ווי אַ מוזיקער מיט אַן אָפענעם קאָפּ, איז ער אויף מאָצאַרטן געווען שוין איין מאָל אַ מבין. מיטן גאון געווען אַלע יאָרן באַפריינדעט, געווען זיינער אַ פּראָטעקטאָר און אַ מעצענאַט. היינט, ווו איז די ברודערשאַפט פון דער מאַסאָנען-באַוועגונג זייערע? איצט, חוץ אַלע זיבן זאַכן, איז וואַן-סוויטען סתם געווען אַן עושר, אַן אדיר. איז אָט דעם רייכן אַדעליקן וואַן-סוויטען, דעם בר-דעת, נישט איינגעפאַלן אַרויסצונעמען אַ מטבעה פון טאַש און זען, אַז זיין פריינד מאָצאַרט זאָל האָבן אַן אייגענעם קבר...

קורץ, די לוויה איז דאָך יאַקאָש פאָרגעקומען צומאָרגנס נאָך מיטאָג. נאָך אַ כאַפּעדיקער תפילה אין אַ זייטיקן קירכע-ווינקל איז מען אַוועק שנעל אויפן בית-הקברות. די מלווים - אַ קנאַפּער עולם: - וואַן-סוויטען, דער אַדעליקער מעצענאַט, זיסמייער - מאָצאַרטס תלמיד, דער וואָס האָט פאַרענדיקט דעם "רעקוויעם", איינצלנע מוזיקער און אַקטיאָרן פון ווינער פעריפעריע-טעאַטער, ווו זייט וואָכן קוויקט זיך אַ פאָלקס-עולם מיט דער מוזיק פון מאָצאַרטס "פאַרכישופטן פלייט". היינט, וואָס שייך דער גרויסער צאָל קאָמפּאָזיטאָרן, וועלכע לעבן און שאַפן אין ווין - פון זיי איז געקומען איינער בלויז, דווקא סאַליערי, דער קאָנקורענט מאָצאַרטס אינעם קייזערלעכן הויף אין ווין. זעט איר, ווער ס'וואָלט צו דער לוויה זיכער יאָ געקומען, איז דער גרויסער היידן. נו, איז ער גראָד דעמאָלט געווען אין לאָנדאָן. מען דערציילט, אַז ווען היידן איז געוווּיער געוואָרן וועגן טויט פון מאָצאַרטן, האָט ער אַן אויפגעטרייסלטער אַ זאָג געטאָן: -"אַ יאָרהונדערט וועט אַוועק גיין ביז ס'וועט אויפקומען אַ טאַלאַנט פון אַזאַ פאַרנעם!" אויך די פרוי פון מאָצאַרטן, קאָנסטאַנצע, איז אויף דער לוויה נישט געווען. דער טויט פון איר מאַן האָט איר אַזוי צעשרויפט די נערוון, אַז זי האָט געמוזט פאַרבלייבן ביי אַ שכן.

מאָצאַרטס נעבעכדיקע לוויה אין יענעם קאַלטן, טריבן דעצעמבער-טאָג האָט געריסן ביים האַרץ. דאָס ביסל מלווים איז געווען אומגעדולדיק, געוואָלט וואָס שנעלער פּטור ווערן און אַריינגיין נעמען ערגעץ אַ וואַרעמען טרונק. חושכדיק, אויס גריזאָטע, איז געווען דער הימל. - געוואַלד! - ווי דאָס מוזיקאַלישע ווין טוט אַרויסבאַגלייטן נעבעך אַזאַ מתנה פון גאָט צו זיין אייביקער רו!... צוקומענדיק צום טויער פון בית-הקברות, האָט דער אָנגעכמורעטער הימל נאָך נידעריקער זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, גלייך ווי ער וואָלט וועלן אויס רחמנות מאָצאַרטן נעמען אַרויף צו זיך און אים איינברענגען די חרפה צו ווערן אַריינגעשליידערט אין אַן אַנאָנימען גרוב. מיט ביטערע טרערן האָבן זיך די מלאכים אין די עולמות עליונים צעוויינט, און ס'האָט אַ שאָס געטאָן אַ קאַלטער שלאַקס רעגן אויף דער שטאָט ווין! די אויסגעפרוירענע מלווים זענען זיך אַלע צעלאָפן. די קבורה איז צוגעגאַנגען זייער שנעל. די באַגרעבער האָבן פלינק געגעבן אַ כאַפּ דעם קאַסטן, אים אַריינגעוואָרפן אין אַ גרויסן גרוב, און שנעל אַוועק צו אַ וואַרעמען אויוון... אויף אַזאַ שטייגער האָט זיך צעשיידט מיט דער זינדיקער ערד וואָלפגאַנג אַמאַדעאוס מאָצאַרט - אַ גדול שבגדולים בעולם הנגינה.

אויף צומאָרגנס, נאָך דער לוויה, בעת מען איז געקומען מנחם אבל זיין די פרוי קאָנסטאַנצע, האָט איר אַ פריינד אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ס'וואָלט גוט געווען

ווייניקסטנס אַ קרייץ מיט אַ נאָמען אַוועקצושטעלן אויפן קאָלעקטיוון קבר. קאָנסטאַנצע האָט אויסגעהערט, און זאָל דערויף האָבן געענטפערט, אַז דאָס איז די פליכט פון דער פּאַראַפיע. די פּאַראַפיע האָט איר פליכט נישט אויסגעפירט און קאָנסטאַנצע.... אויך נישט. זי איז צומאָל אויף איר מאַנס קבר נישט געגאַנגען. צוליב דער אַלגעמיינער גלייכגילטיקייט צום טויט פון מאָצאַרט איז לאיבוד געגאַנגען דער מקום מנוחה זיינער.

און דאָך האָבן אין מאָצאַרטן נישט אַלע פאַרגעסן, וואָרעם 18 יאָר שפּעטער, ווען קאָנסטאַנצע האָט געהאַלטן ביי אַ שידוך מיט אַ דענישן דיפּלאָמאַט, האָט איר איינער אַ חסיד פון מאָצאַרטס מוזיק געגעבן אַן עצה, אַז בכדי יוצא צו זיין פאַר דער וועלט און געשיכטע, זאָל זי פריער, פאַר דער חתונה, אַוועקשטעלן עפּעס אויף איר אַמאָליקן מאַנס קבר. דאָס מאָל האָט שוין קאָנסטאַנצע יאָ געפאָלגט, און אַוועק אַ קוק טאָן - צום ערשטן מאָל! אויף דעם צמענטער. ליידער איז אָבער בחינעם געווען איר מי. די קברנים, וועלכע האָבן זיך מתעסק געווען מיט איר מאַן אַ מאָל, זענען לאַנג שוין אויף דער וועלט נישט געווען. און די אַלגעמיינע קברים פון יאָר 1791 האָט מען עטלעכע מאָל שוין געהאַט איבערגעוואָרפן. קורץ און שאַרף - נאָכן געביין פון וואָלפגאַנג אַמאַדעאוס מאָצאַרט איז מער נישטאָ קיין זכר!

ווי דער שטייגער, שלעפּט תמיד איין צרה מיט אַ צווייטע. איין מאָל, ביים אויפרוימען איר ווינונג, האָט קאָנסטאַנצע געלאָזט אַראָפּ פאַלן די טויטן-מאַסקע פון מאָצאַרט. אָנשטאָט צוזאַמען צו קלעבן די שטיקלעך, האָט זי דאָס ברוכוואַרג אויפגעשאַרט און אַריינגעוואָרפן אין מיסט. ווער שמועסט, אַ צייכענונג אַראָפּנעמען פון דער מאַסקע - דאָס איז קיינעם נישט איינגעפאַלן. דער איינציקער ערדישער זכר נאָך דעם מוזיקער זענען זיינע פּאָרטרעטן, דער עיקר, פון זיינע קינדער־יאָרן. דער גורל האָט זיך אפנים איינגעשפּאַרט, אַז נאָך מאָצאַרטן מוז דווקא בלייבן נאָר זיין ווערק און זיין גלאָריע.

-----------

מאָצאַרט איז אין זיין יצירה אַ זעלטענער מעין המתגבר! זיין ירושה גרייכט צו אַריבער 600 ווערק. עפּעס אַזאַ שפע פון יצירות איז א יוצא מן הכלל. אָבער נישט אין דער פּרוכבאַרקייט, דער קרעאַטיוויטעט, שטעקט דאָס מאָצאַרטישע גאונות. זיין גאונות שטעקט דווקא אינעם שלימות פון זיין קונסט. מאָצאַרט איז אַן אוניקום. נישטאָ צו אים קיין פאַרגלייך; מחמת, מצליח געווען האָט ער אין דער וואָקאַלער קונסט, ווי אין דער אינסטרומענטאַלער, אין דער קירכע-מוזיק און אין אָפּערע, אין דער קאַמעראַלער און קאָנצערט-מוזיק. אין אַלע מוזיק-פאָרמען פון בשעתו האָט ער געשאַפן און אַלע זיי דערהויבן צו פּערפעקציע. די מאָצאַרטישע קונסט איז דער זעניט פון דער מוזיקאַלישער פּראָדוקציע פון אַ גאַנצער תקופה - ביז בעטהאָווענען.

מאָצאַרט איז אין דער עסטעטיק פּאַקטיש נישט קיין רעוואָלוציאָנער. ס'גייט אים נישט בנפשי אַ תל צו מאַכן פון פאָרמען און ברעכן נייעסן. ער האָט בלויז בדעה צו בויען אַנדערש; צו בויען בעסער און שענער - בויען אויף אַ מדרגה העכער, אויב נישט נאָך העכער! צו די הימלען דאַרף גרייכן זיין ווערק ; דער עיקר, ניגונדיק, וויל ער, זאָל זיין מזמור קלינגען. די פרייד פון לעבן, וויל ער, זאָל זינגען זיין קונסט. געזאַנג - דאָס איז דער תוך פון דער גאַנצער מאָצאַרטישער מוזיק, דער וואָקאַלער ווי דער אינסטרומענטאַלער.

מאָצאַרט האָט פון אַלע טיפּסטע ברונעמער געשעפּט זאַפטן, ביי אַלע קלאָרע קוואַלן האָט ער אַנידערגעקניט און ציטערדיק פון זיי געטרונקען. פון איטאַליענישן זוניקן קוואַל

איז ער אַוועק שיכור פון שירה; פון טיפן ברונעם פון דער באַך פּאָליפאָניע האָט ער געשעפּט וויסן און באַרייכערט און געשטאַרקט זיין לירע; היידן האָט געקירעוועט אים אין דער פאָרעם-באַנייאונג. און ועל כולם-איז מאָצאַרט שטיין געבלייבן אויף די פיס - מאָצאַרט. זיין קונסט האָט ער בלויז אויסגעבויט אויף די זיכערסטע יסודות פון מוזיקאַלישער טראַדיציע. היינט, דעם יחוס פון א.ג. "גאַלאַנטן" סטיל אין דער מוזיק פון 18־טן י.ה. - אים האָט ער דערהויבן ביז צום הימל אַ דאַנק דעם שידוך מיטן פרינציפּ פון פּאָליפאָניע.

מאָצאַרט איז אַ מופת פון דער נאַטור; אין אים האָט עפּעס געשטעקט אַ זעלטענער כוח צו קאָנען אין קלאַנגען אויסדריקן זיך אַליין. ער איז כולו מוזיק - מאָצאַרט! אָט, שרייבט ער צום טאַטן: - "איך טובל, אַזוי צו זאָגן, פולשטענדיק אין מוזיק. איך בין באַזעסן פון איר אַ גאַנצן טאָג." מילא, לויטער און ריין איז די מאָצאַרטישע מוזיק, ווי דער איידלסטער קריסטאַל; און ערלעך איז זי, ווי די טרער פון אַ קינד. ביי די מאָצאַרט-קלאַנגען קאָן מען געזונט זיך אָנוואַרעמען; זיי שפּריצן מיט פונקען פון פייער. אָט, נעמט למשל - ווען מאָצאַרט טוט זיך גדלותדיק אַ צעזינג, און אַ צעטענצל אַזוי חדווהדיק, ווי ער קאָן, דערלאַנגט ער אייך אויף אַ זילבערנע טאַץ אַ בליאַנקעדיקע מתנה - גליק! די פרייד פון לעבן הענגט ער אָן, מאָצאַרט, אויף אייער געמיט. ווי דער רוישיקער שאַמפּאַניער וויין בריקעוועט דאַן לוסטיק דער מאָצאַרטישער ריטעם; און אָט שלייפט ער אויס אַ האַרציק-נשמהדיקע טעמע, אַ מעלאָדיע פון מתיקות וואָס הילט אייך אַרום מיט אַ געוועב פון קלאָרע זונען. און איצט, די פיינקייט, די עלעגאַנץ פון דער מאָצאַרטישער שפּראַך. דאָס איז, ווען מאָצאַרט זינגט. אָבער מאָצאַרט איז נישט דער אייביקער זינג-פויגל. אים ווילט זיך גאָרנישט אייביק אַזוי שטאַרק זינגען; מחמת ער, וואָס קאָן אויף דעם פּעגאַז פון קלאַנגען צום הימל גרייכן, ער טאָר נישט אויף דער רשעותדיקער ערד צומאָל אָטמען לויט זיין נאַטורעלן געברויך. וואָרעם, אָנגעזאָגט האָט מען אים, 24 שעה אין מעת-לעת צו געדענקען ווער ער איז; ער איז אַ מוזיקער אין דינסט פון דער איידעלער וועלט פון סאַלאָן. ווי אַזוי זאָל ער אייביק זינגען, אַז אין דער שפּראַך, אין וועלכער ער לעבט און קאָמוניקירט מיט דער וועלט, האָט ער קיין רעכט נישט צומאָל אויסצודריק וואָס ער וויל, וואָס ער טראַכט - וואָס אים ליגט אויפן האַרץ. זאָל ער שטענדיק זינגען? בכן דער סאַלאָן האָט ליב אויסצוהערן זיינע נעימותדיקע געזאַנגען?

קלאָגט ער טאַקע נישט איין מאָל מיט טענער, וואָס האָבן אַ טעם פון בריענדיקע טרערן. ווען ס'גיט אַ טרייסל מיט מאָצאַרטן דער ספּאַזם פון פּאַרדרוס און די נשמה טוט וויי אים - אַ שרעק, דעמאָלט קריגט די נגינה ביי אים אַ מראה פון שטרענגקייט און טרויער. זיין לירע נעמט ברומען מיט טונקעלע אַקאָרדן. פּאַטעטיש גייט איצט אויף זיין מעלאָדיע. אויף די כוואַליעס פון מאָצאַרטישן געזאַנג וויגט זיך די אומהיימלעכע מעלאַנכאָליע, אַ טאָן פון באַדויער; אַ נאָגנדיקער ווייטיק, עפּעס אַ מין פראַגע - פאַרוואָס? פאַרוואָס, צו אַלדע רוחות, קומט אים, מאָצאַרטן, אַזאַ גורל?! אייערע אויערן נעמען אויף דעם ציטער פון אַ מענטשן-געוויין. די מאָצאַרטישע אַקאָרדן קלינגען טראַגיש, כמו ווי דער מן המצר דער אַנגסטיקער רוף צו די הימלען.אָ, נישט שטענדיק זינגט מאָצאַרט זוניקע געזאַנגען. בעצם, איז זיין מוזיק ווי דאָס לעבן גופא - נישט שטענדיק טאַקע כולו שמחה, אָבער אויך נישט קיין מאָל הוילער טרויער.

-----------

פאַראַן אין דער מאָצאַרט-מוזיק ליכט אָן אַ שיעור - ליכט פון פרייד, ליכט פון האָפנונג; ליכט וואָס וואַרעמט דעם מענטש אין דער איינזאַמקייט. זיין קורץ לעבן האָט

מאָצאַרט פאַרענדיקט דווקא מיט ליכט און בטחון - מיט דער צויבער-מוזיק פון "פאַרכישופטן פלייט" האָט ער פאַרענדיקט, וואָס איז אַ מין סאָרט "האָף! נישט ווייט איז שוין דער פרילינג!" פון אונזער י.ל.פרץ. מאָצאַרטס בטחון, גלייך ווי ביי יעדן חסיד פון דער השכלה פון 18-טן י.ה., וואָרצלט אין פאַרשטאַנד. הייסט אים דער בטחון זיינער נעמען דעם פלייט אין דער האַנט, ווייל דער כישוף פון "פלייט" ברעכט אַלע צוימען און מניעות, ער עפנט פאַרן מענטש טיר און טויערן פון פרייהייט און גליק. "דער פאַרכישופטער פלייט" - דאָס איז די צוואה פון וואָלפגאַנג אַמאַדעוס מאָצאַרט. אויפן טויטן-בעט ליגנדיק האָט ער וועגן אים נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, געהייסן די ערשטע אַריע פון פאַפּאַגענאָ זיך אויפזינגען. אין די לעצטע מינוטן זיינע האָט ער געשעפּטשעט: "איצט, אין דעם מעמענט, קומט אַרויס אויף דער בינע די קעניגן פון דער נאַכט..." דער קלינג-קלאַנג פונעם ווונדערלעכן ווערק האָט באַגלייט די יציאת נשמה פון איר שעפער.

אָט, ווי אַזוי יעקב גלאַטשטיין, דער פּאָעט, איז מספיד דעם ליכטיקן גאון מאָצאַרט:"ווי ווונדערלעך איז פון געטלעכן מענטש / זיין מוזיקאַלישער טעסטאַמענט, / ווי דורכגענאָגלט מיט געזאַנג זענען זיינע ליכטיקע הענט. / אין זיין גרעסטער נויט, / האָבן ביים געקרייציקטן זינגער / געלאַכט אַלע פינגער. / אין זיין ווייַנענדיקסטן טרויער / האָט ער נאָך מער ווי זיך אַליין / ליב געהאַט דעם שכנס אויער."

יעקב גלאַטשטיין איז בלי ספק גערעכט - מאָצאַרט איז אַ "געקרייציקטער זינגער"; מזל אַ סך האָט ער אין לעבן נישט געהאַט. אוודאי האָט אים גאָט באַשאָנקען מיט אַ טאַלאַנט שלאו כל אדם זוכה. מאָצאַרט פלעגט שאַפן מוזיק, אַזוי ווי אַ מענטש אָטעמט. אַז מען שמועסט, אַ מופת פון אַ קינד, איז אַ ווונדער וואָס זיין נאָמען איז מפורסם געווען ווייט און ברייט. די וועלט איז מיט אים געווען פול. דער קליינער וואָלפגאַנג האָט די גרעסטע ווירטואָזן פון זיין צייט געשטעלט אין פאַרלעגנהייט, קאָמפּאָזיטאָרן מיט פּראַקטיק זענען נתפעל געוואָרן. וואָס איז דאָ שייך צו זאָגן - גאַנץ אייראָפּע האָט געשטוינט! די טויערן פון אַלע הויפּט-שטעט און פּרינצישע רעזידענצן זענען פאַר דעם מופת-קינד געווען ברייט אויפגעפּראַלט, און א כבוד איז פאַר אַ פּרינץ געווען אים אויפצונעמען. מילא, מתנות האָבן זיך געשיט פאַרן קליינעם מאָצאַרט פון אַלע זייטן. דעם טאַטן האָט מען באַלוינט מיט לייטישע מטבעות; און ביים יונגינקן קאָמפּאָזיטאָר האָט מען באַשטעלט מוזיק-שאַפונגען. דאַמען פון הויך-נאָבעלן אָפּשטאַם - מלכות און פּרינצעסנס - האָבן אים געקושט און געצערטלט. מאָצאַרט איז אפשר געווען דאָס גליקלעכסטע קינד אויף דער וועלט! די גאָלדענע גלאָריע האָט גערוט אויף זיין קעפּל!

ווען מען זאָל דורכבלעטערן די גאַנצע געשיכטע פון מוזיק, וועט מען אַזאַ ענלעכן פאַל נישט אָנטרעפן. מיר קאָנען באַקאַנטע ווונדער-קינדער אין דער וועלט פון מוזיק: - בעטהאָוון, שאָפּען, ליסט, פעליקס מענדעלסאָן. קיינער האָט פון זיי אַזאַ גליקלעכע קינדהייט מיט אַ שם געהאַט ווי מאָצאַרט. קיינער פון זיי איז צו דער גלאָריע פון קליינעם מאָצאַרט נישט דערגאַנגען.

נו, האָט אין יענע יאָרן פון דערפאָלג געקאָנט עמיצער אַרויפלאָזן אויפן זין אַ געדאַנק, אַז דער סוף פון מאָצאַרטן וועט זיין אַ קאָלעקטיווער קבר אָן אַ סימן פון אַ געביין?!

יאָ, דער "געקרייציקטער זינגער" האָט אַ סך מזל אין לעבן סוף-כל-סוף נישט געהאַט. בעצם, שטעקן שוין אין דער קינדערשער גלאָריע זוימען פון דער "קרייצונג". טשיקאַווע, וועגן דעם ווונדער-קינד מאָצאַרט האָט מען אין גאַנץ אייראָפּע נאָכדערציילט מעשיות, פאַרשידענע אַנעקדאָטן און פּיקאַנטע געשיכטעס. אָבער וועגן שעפער פון "דאָן זשואַן"

זענען גאַנץ ווייניק אַמאַטאָרן געווען צו לאָזן פאַלן אַ גוט וואָרט. פאַראַן אָן אַ שיעור פּאָרטרעטן פון דעם קינד - מאָצאַרט; פון מאָצאַרטן נאָך די 25 יאָר - איינצלנע בלויז. די ליכטער, וועלכע באַלייכטן די פיגור פון גאון, לעשן זיך אין דער מאָס ווי ער גרייכט אין די יאָרן. אַרום די 14-15 יאָר פאַנגט אָן שוין די "גאָלגאָטע" - דער גאַנג צו דער קרייצונג. דאָס אַריסטאָקראַטישע און רייך-בירגערלעכע פובליקום האָט אים אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן שוין געהאַט פאַרלאָזן; מיט ביטול רעדן וועגן אים מבינים, דער רוב מוזיקער אין ווין האָט פון אים געלאַכט אין די פויסטן! איינזאַמקייט און דלות באַהערשן זיין עקזיסטענץ. אין דער מוזיקאַליש-פאַרביקער שטאָט ווין איז די סיטואַציע פון מאָצאַרטן נעבעכדיק ביז גאָר. זיינע שאַפונגען געפינען נישט מער קיין פּרענומעראַטאָרן. די לעצטע דריי סימפאָניעס, דערין די אָ.ג. "יופּיטער", געפינען נישט קיין פאַרלעגער. מאָצאַרטס וואונדערלעכע מוזיק איז פאַרלאָזט און מער נישט אין דער מאָדע. ווען מיטלמעסיקע מוזיקער ווערן באַשטימט אויף וויכטיקע מוזיקאַלישע פונקציעס אין ווין, איז פאַר דעם גאון מאָצאַרט נישטאָ עפּעס אַ שטיקל פּאָסטן, ער זאָל קאָנען פאַרדינען אויף ברויט. ער איז דאָך גליקלעך צו קאָנען שרייבן קליינע טענץ פאַר קאָפּעלעס צו שפּילן אויף פאָלקס-בעלער...

ווי אַזוי איז געקומען צו דעם אַז דאָס וואונדער-קינד מיט אַ שעפערישן אָטעם און מוזיקאַלישן זעלטענעם אויספיר-כוח זאָל דערגיין צום מצב פון אַ פאַרשאָלטענעם מוזיקער - ווערן אַ "געקרייציקטער זינגער"; אַז בלויז געציילטע פריינד זאָלן אים נעמען ערנסט און די רעשט פאַכלייט זאָלן מאַכן פון אים חוכא ואיטלולא? דאָס דאָזיקע פאַרלאַנגט אַ באַזונדערן אַריינבליק.

-----------

טראַגיש שרעקלעך איז דער אָפּשייד מאָצאַרטס פון אונזער זינדיקער ערד. אין די רוישיקע מוזיקאַלישע סאַלאָנען האָט מען מאָצאַרטס טויט אַפילו נישט באַמערקט. און וואָלט מען יאָ באַמערקט, אסור צי עמיצער וואָלט זיך דאָרט מצער געווען. אַז די מוזיק פון מאָצאַרטן איז יאָרן שוין נישט אין דער מאָדע. קיינער האָט דאָרט נאָך אים קיין הספד נישט געהאַלטן. דעם ווייטיק און באַדויער פון מאָצאַרטס איינצלנע חסידים, פון יענע, וועלכע האָבן פון לאַנג שוין דערשמעקט זיינע ווערטן קיומדיקע, האָט אויסגענוצט בלויז דער פּרינץ פון די פּאָעטן - געטהע:

"אין פייערלעכן פּראַכט צום אוניווערס דעם גאַנצן ווערסטו באַלד דערשיינען,
אין קעניגרייך פון זון טוט ווירקן דיין מאַכט,
פּאַמינאַ און טאַמינאַ[1] ווײנען
זייער גליק דאָס העכסטע ליגט אין דער שוואַרצער נאַכט פון גרוב."

[1] פּאַמינאַ און טאַמינאַ - דאָס פּאָרל העלדן פון "פאַרכישופטן פלייט".

## משה שקליאַר

# וואָרטגעפּיל

*

ס׳האָט היינט גערעדט צו מיר
אַליין די שטילקייט
און כ׳האָב פאַרשטאַנען
יעדן שאָרך
נאָר האָט זי מיך פאַרשטאַנען

ס׳האָט היינט גערוישט צו מיר
די אור-אור-ווילדקייט
און נישט געהערט איך האָב
דעם מינדסטן שאָרך
צי האָט זי מיך געהערט

*

איך האָב דאָס איינע וואָרט
צעשפּאָלטן
אויף אַלע קלאַנגען
פון אַ גאַמע
און דערגאַנגען
ביז דער שטילסטער
שטיל
און גלייך זיי וואָלטן
זיך צוריק פאַראייניקט
אין איין וואָרטגעפּיל
כ׳האָב דעמאָלט ערשט
דערקענט אויף ס׳ניי
מיין לשון
אין וועלכן כ׳האָב
גערעדט צו דיר
און צו דיין שאָטן
ביז מיר האָבן ביידע
זיך פאַרלאָשן

*

דאָס פלעמל זשאַרעט נאָך
און זשאַרעט
וויל נישט אויסגיין אינעם האַרץ
וואָס הערט שוין אויף
באַלד קלאַפּן
איך ווייס שוין נישט אַליין
ווען און ווער
ס׳האָט עס צעצונדן
איך ווייס נאָר בלויז

עס טוען וויי
עס טוען וויי
ביז בלוט
די ווונדן

*

דער זעלבער
און אַן אַנדערער
אַ זוכער
און אַ וואַנדערער
ווו וועל איך דערגיין
ווו וועט זי דערפירן מיך
די מיניענדיקע
צאַנקענדיקע
רופנדיקע שיין

צעצווייטער
און צעפערטלטער
געבייטשטער און געצערטלטער
ביי זיך אַליין איך פרעג
אין גאָר דער וועלט
אַלייניקער
איך ווער אַלץ
וויינ-און-וויייניקער
אין אומענדלעכן
וועג

*

ס׳קומען וועגן זיך צוזאַמען
אין די וויטן פון אין סוף
און פאַרגייען - זון אין פלאַמען,
און פאַרגייען אין מיין שלאָף.

בלייב איך אויף פאַראַשטע וועגן
און ס׳איז קיינער נישט אַרום
און נישטאָ ביי וועמען פרעגן -
אַלץ איז גרוי און רוי און שטום.

נישט קיין וואָרט און נישט קיין קלאַנג דאָ -
כ׳בין אַליין פאַראַשטער וועג,
וואָס איז לאַנג שוין ווו פאַרגאַנגען
און גייט אויף - צו וועלכן ברעג?

הינדע זארעצקי / ניו-יאָרק

## אַניטראַס חלום

מיטנאַכט
רוישט אויף
גרעיגס
באַגינען
טאַנצט אַריין
אַניטרא
אין אירע
זיבן שלייער
זינגענדיק
איר פרייהייט
ליד:
אויפשטראַלן
וועל איך
טאַנצנדיק
אַנטקעגן
נייער צייט!

## באטוטשעלי

אין דיין געמיש פון פאַרבן
אָטעמט די שיינקייט פון
וועגוס-
קאַרג די שלייערן
אַרום איר טאָרסאָ,
אויף איר פנים
אומעט פון דער וועלט.
שפילן יינגלעך
פלייט
פייפיאָלן
דער כישוף ניגון
דערציילט דעם סוד-
אין זייער שפילן
אין זייער כישוף
זעט מען וועגוס
זוכן:
שורש
פון איר זיין...

## זינט בראשית

העי!
פאַרשייטער ווינט
שטעל אָפּ דיין
טראָפּיקן אימפעט,
אויף פליגל
פון דער טויב
שטעל איין דיין שווונג.
די טויב טראָגט
אויף
אַ שטראַלן-שנירל
יענע זיבן פאַרבן
וואָס-
דער מייסטער זוכט
זינט די טעג פון
בראשית--

**סאָפי פראָם**

# אַן אמתע געשיכטע

## (דערציילונג)

לאַנגע יאָרן האָט לייבל זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק צו פאָרן אויף קבר-אבות אין זיין געבוירן-שטעטל ר. וואָס אין די קאַרפּאַטן-בערג אין מזרח-גאַליציע. באַלד נאָך דער מלחמה האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו זיין דאָרט ווו אַלע זיינע נאָנטסטע, אַ גאַנצע שטאָט יידן זענען אומגעקומען. אַ פּאָר לעבן-געבליבענע לאַנדסלייט האָבן אים דערציילט, אַז אין זייער שטעטל איז קיין סימן פון קיין ייד נישט פאַרבליבן, ס'איז דאָרטן אַזוי אומעטיק, אַז אַפילו די שטיינער וויינען. דער גרעסטער חורבן איז אויפן בית-עולם ווו ס'געפינט זיך דער מאַסן-קבר פון די דערמאָרדעטע יידן. די דייטשן און אוקראַינער וואָס האָבן געווילדעוועט אויפן בית-עולם האָבן איבערגעקערט ס'רוב מצבות, אַ סך פון זיי אַרויסגעשלעפּט און אויסגעמאַסטעט די טראָטואַרן. די אַלטע קלויז, געבויט אין אָריענטאַלישן סטיל, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פייערלעשער-אַנשטאַלט.

– ס'קען דאָס האַרץ פּלאַצן פון ווייטיק – האָבן זיי געזאָגט – און דו, לייבל, ווילסט פאָרן אַ הין, ס'איז אַן אומזין!

ווידער אַנדערע באַקאַנטע האָבן אים דערציילט, אַז נישט נאָר אין די קליינע שטעטלעך, נאָר אויך אין די גרעסערע שטעט פון גאַליציע איז געשען דאָס זעלבע. דאָס וואָס עס האָבן נישט דערענדיקט די דייטשן און די אוקראַינישע באַנדיטן, האָבן פאַרענדיקט די רוסן... זיי פלעגן פאַרפאָרן מיט אַ טראַקטאָר אויף אַן אלטן בית-עולם און אים אָפּוויישן אין משך פון אַ פּאָר שעה. אין לעמבערג איז פאַרניכטעט געוואָרן דער אַלטער יידישער בית-עולם אויף זשרודלאַנע גאַס און אויף זיין אָרט איז אַ באַזאַר, ווו מען האַנדלט מיט אַלטע שמאַטעס.

די דראָהאָביטשער לאַנדסלייט האָבן דערציילט, אַז דאָרט האָט מען אָפּגעווישט אַ גוט אויפגעהיטן יידישן בית-עולם וואָס איז ניצול געוואָרן נאָך דער מלחמה, און אויף זיין אָרט האָט מען אויפגעבויט נייע הייזער, גלייך ווי קיין פּלעצער אויף צו בויען וואָלט מען שוין נישט געקאָנט געפינען. פון די יידישע בית-עלמינס גנבעט מען אַרויס טייערע שטיינער, אָפט מאָל פון שוואַרצן אָדער ווייסן מאַרמאָר, מען באַזייטיקט די יידישע אויפשריפטן און מען שטעלט זיי אַוועק אויף קברים פון פאַרשטאָרבענע נאַטשאַלניקעס אָדער מיטגלידער פון זייערע משפחות.

הגם די אַלע דערציילונגען האָבן לייבלען אַ ביסל אָפּגעשלאָגן די פליגל, האָט ער זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינס.

ענדלעך איז ער אָנגעקומען אין זיין געבוירן-שטעטל. די פּראַכטפולע קאַרפּאַטן-געגנט איז געבליבן נישט געענדערט. און אָט גייט ער מיט די קליינע געסלעך, ווו יעדע שטוב, יעדעס ווינקל רופט אַרויס פון זיין זכרון די מענטשן וואָס האָבן דאָ אַ מאָל געוווינט, געאַרבעט, געהאַנדלט. אין אַ פּוסטן קעלער האָט ער דערקענט דאָס אַמאָליקע געוועלבל פונעם אַלטן ר' נחמקען. לייבלען האָט זיך דערמאָנט דער שילד וואָס פלעגט הענגען איבער דער טיר, אויף וועלכן ס'איז מיט קרומע אותיות געווען אויפגעשריבן: "שמיר, זאַפּאַלקי, מידלאָ, פּאָווידלאָ" (שמיר, שוועבעלעך, זייף, פּאָווידל) אַלץ האָט מען געקאָנט קריגן אין דעם געוועלבל – פון ברויט ביז שוואַרצן שמיר צו רעדער. ער האָט אויך דערקענט די אַמאָליקע געצלס בעקעריי. דער טעם פון יענעם ברויט איז אים נאָך

ביז היינט געלעגן אין מויל. ער איז דורכגעגאַנגען זיין פעטערס שטיבל און זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע. ס'איז אויפגעקומען אין זיין זכרון דאָס ליכטיקע געשטאַלט פון זיין האָרעפּאַשנע פעטער צאַלע, אַ געזונטער מענטש, פלעגט זיצן בײַטאָג און בײַנאַכט און שטעפּן, און שטעפּן אָן אויפהער און מיט זיין פעסטער שטימע צוזינגען צום טאַקט פון דער מאַשין: אַמעריקע איז אַ גאָלדן לאַנד / אָ, דאָאָס ווייסט אַ יעעדער.

דאָס ליד האָט אים איצט געקלונגען אין די אויער און ער האָט אַראָפּגעלאָזט אַ הייסע טרער נאָך זיין פעטער צאַלע. וואָס האָט ער זיך אויסגעשטעפּט? אוי, ווי שווער, ווי שווער ס'האָבן יידן געלעבט און וואָס האָבן זיי דערלעבט?

לייבל איז געווען נײַגיריק צו זען דאָס געסל וווּ ער איז אויפגעוואַקסן און וווּ ס'איז געשטאַנען זייער הייזקע. אַלע סטעזשקעס זענען אים דאָ געווען באַקאַנט. אָבער פּלוצעם האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט פֿאַרבלאָנדזשעט. נישט שוין זשע קאָן מען אין אַזאַ קליין שטעטעלע, ווו מ'האָט אָפּגעלעבט אַ פערטל יאָרהונדערט, פֿאַרבלאָנזשען? ניין, ניין, ער האָט נישט פֿאַרבלאָנדזשעט. אָט דערקענט ער די קוזשניע פונעם אַלטן קאָוואַל אַנטאָן, און אַ ביסל ווײַטער דאַרף שוין זיין זייער הייזקע. ער איז אַרויף אויף אַ בערגל און פון דאָרט אַראָפּגעקוקט אין דעם טאָליקן געסעלע. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פון די בערגלעך פלעגן די יידישע מאַמעס צונויפרופן זייערע תכשיטלעך. זייער רופן האָט אים נאָך איצט געקלונגען אין די אויערן: יאַנקעלע, אברהמעלע, יאָסעלע, בערעלע! קומט שוין אַ היים, ס'איז שוין פינצטער, די וועטשערע איז שוין פאַרטיק!

ער געדענקט ווי ער פלעגט זיך דאָ שפּילן מיט זיינע חברים אין מלחמה. פּלוצעם האָט ער זיך צעלאַכט ווי אַ קינד. ער האָט זיך גראָד דערמאָנט ווי די יינגלעך האָבן אים געפֿאַנגען און ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און געשריגן: "איר האָט נישט קיין רעכט מיך צו נעמען אין געפֿאַנגענשאַפט, איך בין אַ טויטער!" דערנאָך האָט מען אים אַ לאַנגע צייט גערופן "לייבל דער טויטער"...

ווען לייבל האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף האָט ער באַמערקט אַז אויף דעם אַמאָליקן יידישן געסל שטייען נייע הייזקעס מיט ריינע פאָרהאַנגלעך און בלומען אין די פענצטער. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין געסל, אפשר וועט ער דאָרט געפינען אַן אַמאָליקן שכן. אָבער ווי נאָר ער איז אַריין אין געסל האָט זיך פּלוצעם באַוויזן אַ כאָפּטע קינדער. זיי האָבן זיך דערנענטערט צו לייבלען און גענומען אים באַטראַכטן. מיט אַ מאָל האָט איינער אויסגעשריגן: "רעביאַטאַ, זעט נאָר, דאָס איז דאָך אַ יעוורייי!" און ווי אויף אַ באַפעל האָבן זיך צעהילכט יינגע, קלינגענדיקע קולעכלעך: "יעווריי, זשיד, פאַרנעם זיך פון דאַנען!" גלייכצייטיק האָט אַ האָגל געטאָן מיט שטיינער. לייבל האָט זיך צוריקגעצויגן אין פאַניק. קיינער פון די דערוואַקסענע האָט זיך אין געסל נישט באַוויזן. ציטערנדיק פון אויפרעגונג האָט ער אויסגעשריען צו זיך אַליין: " טפו, אָט האָסטו דיר אַ באַגעגעניש, דו אַלט נאַריש פערד! ווער האָט נאָך דיר געשיקט און צו וועלכע אַלדע רוחות ביסטו אַהער געקומען?!" לייבל האָט געטראַכט: "די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרניכטן די אַלטע וועלט און באַשאַפן אַ נייע... נו, פאַרניכטעט האָט מען טאַקע, אָבער קיין נייע וועלט האָבן זיי נישט געשאַפן. מען בויט נייע הייזער, מען פליט צו דער לבנה, אָבער די צעשטערטע מענטשלעכע נשמות זענען געבליבן די זעלבע."

אויף צומאָרגנס איז ער אַוועק צום בית-עולם. שווערע מחשבות האָבן אים באַהערשט. "אפשר טאַקע נישט באַדאַרפט קומען אַ הער, אפשר איז עס טאַקע אַן אומזין." ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, אַז ער איז שוין געשטאַנען פאַרן טויער פון בית-עולם.

עס איז געווען אַ שיינער זומערדיקער טאָג. אַ נייע ווייסע מויער האָט אַרומגעצוימט דעם שטח. צי איז עס נישט אַ מאָל אַ קאַטוילישער צווינטער? ער האָט געוואָרפן אַ בליק דורכן טויער. אָט האָט ער דערקענט דאָס טהרה-שטיבל. ער איז אַריין אינעווייניק און דערזען יידישע מצבות. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און זיך אָפּגעשטעלט ווי פאַרכישופט. קיין איין מצבה איז נישט איבערגעקערט און נישט באַשעדיקט. וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען אַלץ מער האָט ער איינגעזען אַז אומעטום הערשט אָרדענונג, דאָ און דאָרט גרינט אַפילו פריש גראָז און ס׳וואַקסן בלומען. נישט אַנדערש ווי נאָר מענטשלעכע הענט קאָנען אָנהאַלטן אַזאַ אָרדענונג. ווער זשע פאַרנעמט זיך מיט דעם, אַז קיין יידן זענען שוין דאָ פון לאַנג נישטאָ?

לייבלען האָט באַהערשט אַ ניי, מאָדנע געפיל. הייסט עס, אַז ס׳איז נישט אַזוי שלעכט... אַ ביסל אַ דערמוטיקטער, האָט ער גענומען זוכן דעם קבר פון זיין מוטער וועלכע איז געשטאָרבן אַ פּאָר יאָר פאַר דער מלחמה. ער האָט זיך געמאַכט דעמאָלט אַ סימן און געדענקט עס אויסגעצייכנט. זיין מוטערס קבר האָט זיך געפונען נישט ווייט פון אַלטן רבי הערשעלעס קבר אויף וועמענס מצבה ס׳איז געווען אויסגעקריצט אַ לייב. זיין זיידע פלעגט אים דערציילן נסים פון ר׳ הערשעלע, ווי אַזוי ער האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס שטעטל פון אַ שרפה און פון אַ כאָליערע-עפּידעמיע.

נאָך אַ פּאָר שעה זוכן האָט לייבל זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ שטיין אַ מידער און פאַרצווייפלטער. פּלוצעם האָט ער דערפילט אונטער זיין פוס אַ שטיין באַוואַקסן מיט מאָך. ער האָט אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט און באַמערקט, אַז דאָס איז אַן איינגעזונקענע מצבה. האָט ער האַסטיק גענומען גראָבן און אין גיכן באַמערקט דעם אויסגעקריצטן לייב און אַן אויפשריפט וואָס ער האָט קוים איבערגעלייענט: ר׳ הערשל, בן... נפטר... לייבלען האָט באַהערשט אַ געפיל ווי ער וואָלט אויסגעגראָבן אַן אוצר. איצט האָט שוין לאַנג נישט געדויערט. זיין מוטערס מצבה איז געשטאַנען אויף דער רעכטער זייט. ער האָט זיך גענומען צוקוקן צו די אָפּגעווישטע אותיות און קוים איבערגעלייענט: "גאָלדע-בלימע"... יאָ, דאָס איז עס! ענדלעך האָט ער דערגרייכט זיין ציל נאָך אַזוי פיל יאָרן.

אַ באַגאָסענער מיט שווייס איז לייבל געשטאַנען אַ דערשיטערטער און געזאָגט קדיש, נישט נאָר נאָך זיין מוטער, זיינע שוועסטער און ברידער נאָר נאָך אַלע יידן פונעם שטעטל, אויף וועמענס קבר-אבות עס וועט שוין קיינער קיין מאָל נישט קומען. לייבל האָט געדאַנקט גאָט וואָס ער האָט דערלעבט אַזאַ גרויסן כבוד. ער האָט זיך איצט געפילט ווי אַ זיגער. גוט וואָס ער האָט זיך נישט געלאָזט באַיינפלוסן פון זיינע באַקאַנטע, וועלכע האָבן אים אָפּגערעדט פון פאָרן אויף קבר-אבות. פאַראַנען מענטשן מיט קליינע נשמהלעך, אָבער ער, לייבל, געהערט נישט צו זיי...

דער טאָג איז אַוועק שנעל. די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין ווען לייבל האָט פאַרלאָזט דאָס הייליקע אָרט. ביים אַרויסגאַנג האָט ער זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט און גענומען באַטראַכטן די מויער. ער האָט געזוכט שפּורן פון פאַרניכטונג אָדער אַלטע אויפשריפטן - אָבער ניין, אין ערגעץ האָט ער נישט געפונען קיין שפּור פון פאַרניכטונג, פאַרקערט, די מויער האָט אויסגעזען ווי פריש אויסגעקאָלעכט. ס׳האָט לייבלען ווידער באַהערשט אַן אומרו און נייגיריקייט. וועמענס אויפטו זאָל עס זיין?

*

הגם לייבל האָט געזאָלט אויף צומאָרגנס פאַרלאָזן דאָס שטעטל, האָט ער אָבער באַשלאָסן אַז ער מוז פאַר יעדן פּרייז אויסגעפינען ווער עס זאָרגט פאַרן בית-עולם - קיין

יידן זענען דאָך אין שטעטל נישטאָ.... האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אויפזוכן באַקאַנטע קריסטן. נאָכן נעכטיקן אָנפאַל פון די קינדער האָט ער שוין נישט בעוואָלט גיין צו זיין היימיש געסל. ער איז אַריין אין אַ "גאָספּאָדע" עפּעס איבערבייסן. זיצנדיק ביים פענצטער האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז עס איז פאַרביי געגאַנגען עפּעס אַ באַקאַנטער. האָט ער זיך אויפגעריסן פון אָרט און אַרויסגעלאָפן אין גאַס. דאָס מוז אוודאי זיין טאָמקע - האָט ער געטראַכט - "טאָמקע דער שבת-גוי", ווי ער פלעגט זיך אַליין רופן. טאָמקע האָט גערעדט יידיש ווי אַן אמתער ייד. לאַנגע יאָרן איז ער געווען באַשעפטיקט ביי לייבלס פאָטער ווי אַ געהילף צו די בהמות מיט וועלכע זיין פאָטער האָט געהאַנדלט. ער געדענקט טאָמקען נאָך פון די חדר-יאָרן. ער איז דעמאָלט געווען אַ געזונטער יונג מיט אַ געדיכטער שוואַרצער טשופּרינע.

לייבל איז פאַרלאָפן טאָמקען דעם וועג, און ער האָט זיך טאַקע נישט טועה געווען, כאָטש ער האָט דערזען פאַר זיך אַן אַלטן מאַן מיט גרויע האָר און אַ צעקנייטשטש פנים.

- טאָמקע! - האָט לייבל אויסגעשריען - דו דערקענסט מיך?

טאָמקע האָט זיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט דעם אומבאַקאַנטן, עלעגאַנטן מאַן.

- ווער זענט איר - האָט ער אַ פרעג געטאָן און זיך גוט איינגעקוקט אינעם אומבאַקאַנטנס פנים. - איר זעט אויס גענוי ווי שרו-יידע (ישראל-יהודת), אַזוי האָט געהייסן ליילס פאָטער, וועמען טאָמקע פלעגט רופן "שרו-יידע".

- טאָמקע, זאָג מיר "דו", איך בין דאָך לייבל, שרו-יידעס עלטסטער זון.

טאָמקע האָט אַרומגעכאַפּט לייבלען און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

- איך האָב נישט געוווסט אַז דו לעבסט, געמיינט אַז קיינער איז פון אייך נישט פאַרבליבן, אוי, ווי שרעקלעך זיי זענען אומגעקומען, דיין פאָטער און די גאַנצע משפחה.

- איך בעט דיך, טאָמקע, רעד נישט וועגן דעם. מיין האַרץ בלוטיקט אָן אויפהער. דראַפּע נישט די ווונדן. נאָך דער מלחמה האָבן מיר מענטשן דערציילט ווי אַזוי אוקראַינישע באַנדיטן האָבן אָפּגעהאַקט מיין פאָטער דעם קאָפּ.

אויפן וועג צו טאָמקעס הויז האָט ער לייבלען דערציילט, ווי די אוקראַינישע באַנדיטן האָבן אים און זיין משפחה גערודפט, אָנרופנדיק זיי "זשידאָווסקע פאַכאָלקי" (יידישע דינער). זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטעטל און באַזעצן זיך אין אַ דאָרף, ווו קיינער האָט זיי נישט געקענט. ערשט נאָך דער מלחמה האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק אין זייער כאַטע.

טאָמקעס כאַטע איז געשטאַנען קעגן איבער דער אַלטער הילצערנער צערקווע. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט אַהינצו האָט לייבל באַמערקט, אַז די הילצערנע צערקווע איז אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט און ס'הענגט דאָרט אַן אויפשריפט אין רוסיש און אוקראַיניש, אַז די צערקווע איז אַ היסטאָרישער אָנדענק פון כמיעלניצקיס צייטן און ווער ס'וועט וואַגן זי צו באַשעדיקן וועט שווער באַשטראָפט ווערן... לייבל האָט אַ טראַכט געטאָן: און וואָס איז מכוח די אַלטע שולן, די אַלטע מצבות? זיי מעג מען אַרויסרייסן פון דער ערד מיט די וואָרצלען?...

*

טאָמקעס ווייב, וואַרוואַרע, וועלכע האָט לייבלען תיכף דערקענט, האָט גאָר נישט געוווסט ווו דעם ליבן און חשובן גאַסט אַוועקצוזעצן. נאָך דעם גוטן מיטאָג וואָס וואַרוואַרע האָט צוגעגרייט, איז מען אַלץ געזעסן און גערעדט און דערמאָנט די אַמאָליקע גוטע צייטן. טאָמקע האָט געררייכערט אַ לולקע און יעדעס וואָרט אַרויסגערעדט פאַמעלעך, מיט גרויסער ערנסטקייט.

לייבל האָט אַ פרעג געטאָן:

– זאָגט מיר, מיינע טייערע, צי זענען נאָך פאַראַנען עפּעס יידן אין שטעטל?

– יידן? – האָט זיך טאָמקע אויפגעריסן – פון וואַנען זאָלן זיי זיך נעמען, אַז מען האָט זיי נעבעך אַלע אויסגעשאָכטן. מיט קיין ליכט וועסטו דאָ קיין ייד נישט געפינען. אָבער זייערע נשמות זענען יאָ פאַרבליבן צווישן אונדז, און אָפט מאָל לעבן מיר איבער גרויסע צרות, זיי לאָזן אונדז נישט צו רו.

– אוי! טאָמקע! טאָמקע! דו האָסט זיך גאָרנישט געענדערט און נישט פאַרגעסן דיינע אַלטע באָבע-מעשיות. געדענקסט ווען דו פלעגסט מיך שרעקן מיט לצים און שדים, ווען איך בין נאָך אין חדר געגאַנגען און אויף דער נאַכט פלעג איך מורא האָבן פאַרבייגיין די צערקווע, ווייל דו האָסט מיר איינגערעדט, אַז ס'זענען דאָרט דאָ רוחות.

טאָמקע האָט ערנסט אַ קוק געטאָן אויף לייבלען און זיך אָנגערופן:

– דאָס איז אין גאַנצן אַן אַנדערע געשיכטע. איך מוז דיר דערציילן וואָס ס'האָט דאָ ערשט נישט לאַנג פּאַסירט.

– צוריק מיט אַ פּאָר חדשים האָט זיך אין זיין אייגענער שטוב אויפגעהאָנגען א יונגער גוי, כריצקע. ער איז געווען געזונט ווי אַ דאָמב. דער טייוול ווייסט פון וואַנען ער האָט זיך צו אונדז גענומען. ס'גייען אַרום קלאַנגען, אַז ער איז געקומען פון אַ דאָרף ווו ער איז ביי די דייטשן געווען אַ פּאָליציאַנט. ער פלעגט אויסגעפינען אויסבאַהאַלטענע יידן, צוריבן ביי זיי דאָס לעצטע און דערנאָך איבערגעבן זיי צו די דייטשן. אָט דער כריצקע האָט געוווינט ביי דער צעדרייטער יאַוודאָכע, דו מוזט זי געדענקען, זי פלעגט וואַשן בריקן אין יידישע הייזער.

– אוודאי געדענק איך זי – האָט זיך אָפּגערופן לייבל – זי האָט געוווינט אין אַ ליימיקער, איינגעהויקערטער כאַטקע, וואָס איז געשטאַנען ביים וועג, נישט וויט פונעם יידישן בית-עולם.

– יאָ! יאָ! אמת! יאַוודאָכע איז געשטאָרבן און כריצקע איז פאַרבליבן וווינען אין איר כאַטע. כריצקע איז געווען אַ טאָג-אַרבעטער. זונטיק האָט מען אים געקענט זען אין צערקווע אָדער אין גאַס אַן אויסגעפּוצטן מיט גאָלדענע רינגען אויף די פינגער. מיט אַ צייט שפּעטער האָבן מענטשן באַמערקט, אַז אויפן אָרט פון דער ליימענער כאַטקע בויט זיך כריצקע אַ געמויערטע הייזקע פון ציגל. פון וואַנען ער האָט באַקומען די ציגל האָט קיינער נישט געוווסט, ווייל קיין בוי מאַטעריאַל האָט מען אין ערגעץ נישט געקאָנט קריגן. כריצקע האָט פאַרענדיקט די הייזקע און געוווינט דאָרטן גאַנץ אַליין, אָפּגעזונדערט פון מענטשן. קיינער האָט מיט אים קיין געשעפטן נישט געהאַט.

איין מאָל איז אַן אַלט פּאָרפּאָלק דורכגעפאָרן אין מיטן דער נאַכט דורך כריצקעס הייזקע. פלוצים האָבן זיי דערהערט אַז פון דאָרטן באַקומען זיך אַרויס יאָמערלעכע קולות. ס'האָט אויסגעזען ווי קינדער און פרויען זאָלן וויינען און קלאָגן. די אַלטע לייט האָבן אין שרעק אונטערגעטריבן די פערד בכדי וואָס גיכער אַוועק פון דעם שרעקלעכן אָרט. דאָס געוויין האָט זיי נאָכגעיאָגט דעם גאַנצן וועג. תיכף דעם צווייטן טאָג איז זיך צעגענגען אַ קלאַנג איבערן שטעטל, אַז פון כריצקעס הויז סטראַשעט. טייל האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן אַליין געהערט ווי פונעם קעלער באַקומען זיך אַרויס וויסטע, יאָמערלעכע קולות.

זינט דעמאָלט האָט מען אין שטעטל געהאַלטן אין איין רעדן וועגן כריצקעס הייזקע וואָס איז באַזעצט געוואָרן מיט פינצטערע כוחות. די שרעק איז געוואַקסן און מענטשן פלעגן מורא האָבן אויף דער נאַכט צו באַווייזן זיך אין גאַס. פון כריצקען פלעגט מען

ישראל גובקין

# עלעגיע

## (אסתרן לזכרון)

שטייען ביימער ווי מצבות
אויף די קברים פון די דורות,
און פון הימל, ווייס פאַרצויגן,
קוקן מילדע, ווייכע אויגן.

פרעגן פייגל אויף די צווייגן:
מוז עס זיין אַזוי?

גרינען גראָזן ביי די שטעגן,
טרערט אויף זיי דער טוי...

מורמלען שטיינער, קאַלטע, גראָע:
זיי-זשע שטיל!
ביסט נאָר איינער, רק נאָר איינער
פון די פיל...

---

אַנטלויפן ווי פון אַ נישט-גוטס. קיינער האָט מיט אים נישט געוואָלט רעדן. קינדער פלעגן אים באַוואַרפן מיט שטיינער און נאָכשרייען: "שד, פינצטערער דוך, נישט-גוטס"! כריצקע האָט אָנגעהויבן אויסזוגיין ווי אַ ליכט. פון דעם געזונטן יונגן כריצקען איז געוואָרן אַ שאָטן. אין אַ שיינעם טאָג האָט מען זיך דערוווסט, אַז ער האָט זיך אויפגעהאָנגען. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז פון זיין הייזקע סטראַשעט עס נאָך מער און קיינער האָט נישט געוואָגט זיך אַהין צו דערנענטערן. סוף כל סוף האָבן אַ פּאָר עלטערע מענטשן זיך צוזאַמען גענומען און אָנגעהויבן זיך באַראַטן וואָס צו טאָן. דעמאָלט האָבן מיר זיך דערוווסט דעם גאַנצן אמת: כריצקע האָט זיין הייזקע אויפגעבויט פון ציגל וואָס ער פלעגט ביינאַכט שלעפּן פון דער מויער וואָס האָט אַרומגעצוימט דעם יידישן בית-עולם. ווער האָט דאָס געקאָנט וויסן, און ווען מען איז אָנגעגאַנגען דער אַלטער יידישער בית-עולם, קיינער פלעגט נישט קוקן אין יענער זייט.

היינט פאַרשטייסו שוין? יעדער ווייסט דאָך, אַז מען טאָר נישט צענעמען אַפילו אַן אַלטן איוון ביי זיך אין אַן אייגענער שטוב, ווייל אַז מען צענעמט אַן אַלטן איוון קריכן אַרויס פון דאָרטן פינצטערע כוחות און ברענגען אומגליק. איז וואָס ערשט רעדן וועגן אַן אַלטער מויער פון אַ הייליק אָרט וואָס שטייט שוין צענדליקער יאָרן און היט אָפּ די נשמות זיי זאָלן בלייבן אויף זייער אָרט? די יידישע נשמות האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון די צעשטערטע קברים, און אַזוי ווי עס איז נישט געווען קיין מויער, זענען זיי זיך צעפלויגן איבער מענטשלעכע שטיבער און געסטראַשעט, און גע'אַמערט, נישט געלאָזן צו רו. האָט שטעטל באַשלאָסן, אַז מען מוז צענעמען כריצקעס הויז און פון די זעלבע ציגל אַוועקשטעלן צוריק אַ מויער אַרום דעם יידישן בית-עולם, אַזוי ווי עס איז געווען פריער.

*

ווען לייבל איז שוין געזעסן אין באַן אויפן וועג אַ היים, איז ער נאָך אַלץ געווען אונטערן איינדרוק פון טאַמקעס שוידערלעכער דערציילונג. עס האָט אויסגעזען ווי אַ מיסטעריע, אָבער ס'איז דאָך אַן אמתע געשיכטע. דאָס אומשולדיק פאַרגאָסן יידיש בלוט סטראַשעט און לאָזט נישט צו רו פשוטע מענטשן, וועלכע האָבן נאָך אַ שטיקל געוויסן...

חיים קעניגער / פּאַריז

## די וואָר

מיין האָב און גוטס אין לעבן
ווי אַ מילגרוים אין מיינע לידער
האָב אריינגעטאָן אין גלעטן,
און זיי ווילן זיך נישט געוועטן
ווי מיינע קינדער
מיך איבערצולעבן
און נאָך מיר קדיש זאָגן.
איך וועל אל-חטא זיך שלאָגן
אין אויפשטיין אין קאַיאָר
זוכן די פאַרלוירענע וואָר
און קברים אויף פעלדער
באַגראָבן אָן קדיש
און ארויסיאָגן זי פון דאָרט
אויף דער פרייער וועלט
זי זאָל בלייבן אין וואָרט
און נישט אין קאָרט.

## די אלטע צייט

די אַלטע צייט איז ראשיק אַפּגעלאָפן.
זי האָט זיך געעלטערט פאַר דער צייט
און מיך געלאָזן האָפן.
מיין קינדהייט אַליין איז אַ קונסט-שטיק פון צייט
אַריינגעוואַקסן מיט אירע שטריכן.
די צייט לויפט נישט - זי גייט
אַרום אויף אַלע פיר
מיט אַ לאַמטערן זיך פאַרנייגט.
אין איר זיין מיט מיר, נישט בלויז אין יאָרן
האָט זיך דער חילוק צווישן אונדז פאַרווישט.

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין

# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און
סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אוצרות פון אונזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשע פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

(213) 552-2007 אָדער טעלעפאָנירט

ישראל גובקין

# שורות וועגן אַנטיסעמיטיזם

ד"ר העשיל קלעפפיש, אין זיין עסיי איבער אַנטיסעמיטיזם אין שייכות מיט פורים ("פֿאָרווערטס", מערץ 1, 1991),דערמאָנט לחלוטין ניט די ראָלע, וואָס קריסטלעכקייט האָט געשפּילט, און שפּילט ביז היינטיקן טאָג (פּוילן א.א.) אין דער ביטערער שינאה צו יידן. ער פֿאַרפֿעלט אויך צו אונטערשטרייכן די שעיר-לעזאזל ראָלע, אין וועלכער דער ייד איז אַריינגעשטופּט געוואָרן דורך פֿאַרשיידענע הערשער, אָדער הערשנדיקע גרופּעס, צו פֿאַרדעקן זייערע אייגענע טעותן און קאָרופּציע.

צוליב די קריסטלעכע עלעמענטן אין דער אייראָפּעישער און אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע, איז דער אַנטיסעמיטישער פֿענאָמען בנימצא - ווו מער ווו ווייניקער - אין יעדן קריסטלעכן לאַנד, און האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן אין דער ניט-קריסטלעכער וועלט, ווו יידן זיינען כמעט ניטאָ, יאַפּאַן למשל, און אין לענדער אַרום פּאַציפֿישן אָקעאַן. דער ציילעם האָט אויסגעטראָטן דעם וועג פֿאַר דער סוואַסטיקאַ, וואָס האָט שוין אַפֿילו דערגרייכט צו דער "אַנדערער זייט" פֿון דער ערד - אויסטראַליע און ניי-זעלאַנד. אויך דאָרט שלאָגט מען און פֿאַרוווּנדעט יידישע קינדער, און מע וואַנדאַליזירט יידישע אינסטיטוציעס.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז די מקורות פֿון קריסטנטום, געוויסע טיילן פֿון ברית-החדשה, און די שפּעטערדיקע טעאָלאָגישע שריפֿטן פֿון מאַרטין לוטער, עמנואל סוועדנבאָרג, דער משומד פּפעפֿערקאָרן א.א. זיינען אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטיש. היטלער האָט אין אַ גרויסער מאָס נאָכגעפֿאָלגט לוטערס עצות וואָס צו טאָן מיט יידן, און נאָך געגאַנגען אַ ביסל ווייטער...

מיר וועלן דאָ ניט אַריינגיין אין פּרטים וועגן יעדן איינעם פֿון די דערמאָנטע. דער סך-הכל איז, אַז זייערע שינאהדיקע לערעס און פֿאַלשע אויסטייטשונגען פֿון אונדזער יידישן תנ"ך האָבן זיך אַריינגעפֿלאָכטן אין געוועב פֿון דער אייראָפּעישער, און אין אַ גרויסער מאָס אויך אין דער ענגליש-אַמעריקאַנער קולטור.

די טעאָלאָגישע שינאה האָט איר ביטערן אָפּקלאַנג אַפֿילו אין די שאַפֿונגען פֿון אַזעלעכע מאָדערנע, פֿירנדיקע ענגלישע און אַמעריקאַנער פּאָעטן ווי ט.ס. עליאָט, עזרא פּאַונד און קלענערע פֿון זיי.

עליאָטס אַנטיסעמיטיזם איז ווייט באַקאַנט, אַזוי אויך פּאַונדס, וואָס האָט בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה געדינט ווי אַ ראַדיאָ-העצער פֿאַר די נאַציס, און גערופֿן די ענגלישע און אַמעריקאַנער אַרמייען ניט צו פֿאַרגיסן זייער בלוט פֿאַר די יידישע מלחמה-העצערס, וועמען מע דאַרף אויסראָטן.

אַפֿילו די היינטיקע קאַטוילישע קירך, וואָס חנדלט זיך צו יידן, וויל ניט אָנערקענען מדינת ישראל צוליב פֿאַרשיידענע פּאָליטישע טעמים, אָבער אויך, אין אַ גרויסער מאָס, צוליב דער דאָגמע, אַז די קירך איז די יורשטע פֿון יידנטום...

ניט צוריקגייענדיק צו דער מיטלאַלטערלעכער געשיכטע, די דערנידערונגען און מאַסן-שחיטות פֿון יידן אין נאָמען פֿון אותו האיש, איז כדאַי צו געדענקען, אַז די אכזריותדיקע יידן-מערדער פֿון אונדזער צייט, היטלער און סטאַלין, זיינען אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרן אויף דער קריסטלעכער לערע (סטאַלין האָט אין זיין פֿריער

גרוניאַ קאהן / מאָנטרעאל

## וואונדער

ווי אַלט איז די געשטאַלט פון טויט?
ווי לאַנג בלאָנדזשעט איר שוין, שטערן?
וויפל טרערן ווערט פאַרגאָסן יעדע נאַכט?
וויפל הייסע טרערן, וויפל?

וויפל גליק און וויפל טרויער,
פון פרימאָרגן ביז פאַרנאַכט?

אַ רגע גליק,
און אויף דער שוועל דער טויט
שוין וואַרט,

אָ, וואונדער!
ווי פרייד מיט טרויער איז געבונדן...

---

יוגנט שטודירט אויף גלח).ביידע האָבן דאָס שפּעטער פאַרוואָרפן און פאַרביטן אויף נאַציזם אָדער קאָמוניזם, ביידע אַטעיסטיש. די גירסא דינקותא - די יוגנטלעכע לערע אָבער האָט זיך איינגעזאַפּט אין זייער מערדערישער פּסיכיק, און איז הינטער־באַוווּסטזיניק געווען די שטויס־קראַפט צו זייערע באַרבאַרישע מעשים, כאָטש אונטער אַנדערע אויסריידן און באַרעכטיקונגען, קאָמוניסטישע אָדער ראַסיסטישע.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם איז וואָס אַ ניט־ייד האָט געזאָגט וועגן יידן:

-כ׳גלייב ניט, אַז ס׳איז אַ מאָל געווען אַ יעזוס, אָבער די יידן האָבן אים סיי ווי געהרגעט...

*

אַנטיסעמיטיזם האָט געמאַכט דעם ייד צו שפּילן אַ שעיר־לעזאזל ראָלע ניט דווקא עקאָנאָמיש, ווען די הערשנדיקע מאַכט־האָבערס האָבן געוואָרפן, און וואַרפן ביז היינטיקן טאָג די שולד אויף יידן, כדי צו פאַרדעקן זייערע אייגענע זינד; זיי טוען עס אויך פאַר ריין פּאָליטישע צוועקן, אָפּצווענדן פון זיך יעדע סכנה ווען זיי פילן, אַז זייער הערשאַפט וואַקלט זיך.

ווען די רוסישע צאַרן האָבן זיך דערשראָקן פאַר די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען און באַוועגונגען, האָבן זייערע משרתים אָרגאַניזירט די "שוואַרצע מאות", וואָס האָבן אונטערן לאָזונג "בעי זשידאָוו, ספּאַסיי ראַסיאו?" (שלאָגט די יידן, ראַטעוועט רוסלאַנד) דורכגעפירט, מיט דער הילף פון רוסישן מיליטער, די שוידערלעכע פּאָגראָמען אויף יידן אין אָדעס, האָמעל, קישענעוו, ביאַליסטאָק, און אין קלענערע ישובים,

אין יעדן לאַנד, ווען זאַכן גייען ניט כשורה עקאָנאָמיש אָדער פּאָליטיש, און אָפט ביידע צוזאַמען, קומט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך אַפילו דער באַהאַלטענער אַנטיסעמיטיזם, און דער ייד ווערט דער שעיר־לעזאזל.

אוודאי, סע זיינען דאָ נאָך סיבות דערצו, אָבער איינער פון די הויפּט־קוואַלן פון וועלכן די גלאָבאַלע יידן־שינאה ציט איר יניקה ביז היינטיקן טאָג, זיינען די פיינטלעכע דאָגמעס און לערעס פון קריסטנטום. און דאָס דאַרפן מיר געדענקען אומעטום ווו מיר לעבן, און אַ גאַנץ יאָר, ניט נאָר פורים.

זשאק בורשטין-פינער / פּאַריז

# דער טויבנפלי

אין די גאַסן אַלע פון פּאַריז אַ טויבנפלי.
עמיץ נעמט זיך אָן פּאַר זיי, שפּרייט קערנער פּאַר זיי אויס,
לאָקט צו זיך אַראָפּ די טייבעלעך אין מיטן פלי.
אָט דער אַלטיטשקער פּאָעט, אַ וואַגעבונד מיר זעט ער אויס.

און דער ברייטער טויבנפלי וואָס אין דעם קינדער-פּאַרק,
מאַמעס, קינדער, טויבנפלי - דאָס אַלצדינג איז פּאַריז,
אונטער אַלע בריקן פון דער סענע שפּרייט זיך אויס דאָס ליד,
וואָס עס זינגט דער טויבנפלי פון אַלץ וואָס איז פּאַריז.

איבער די פּאַריזער מאָנומענטן זעט וואָס פּאַראַ טויבנפלי!
פון הימל שיינט אַראָפּ די זון אין פייער-פלאַם.
ניין, גאָר אָפּט דאָ זענען גרוי די וואָכנטעג.
פּאַריז, ביסט זוניק אָדער גרוי - דו ביסט פון פרייד אַ ים.

און דער טויבנפלי צעשפּרייט זיך אין מיין טרוים.
איך באַוווּנדער דיך פּאַריז, אין חלום צי אין וואָר,
ס'ליבן דיך די מאָלערס פון דער גאָרער וועלט
און די דיכטערס אויך פון דור צו דור.

ס'איז דער טויבנפלי דאָס ליד דאָס שענסטע פון פּאַריז.
טויבן זענען הונגעריק, איך וואַרף אַ קערנדל צו זיי,
לאָזט מוזייען, פּאַקולטעטן שפּרודלען מיטן גייסט -
פּאַר די גאַסן איז דער טויבנפלי דאָס שענסטע ליד.

---

אַבאָנירט און שטיצט

# חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט און די מערב-שטאַטן פון אַמעריקה

אַנאָנאַמענט: $8.00 אַ יאָר

**יצחק קאַהאַן / מעלבורן**

# נייע באַלייכטונגען וועגן אַלטע וועלט-מייסטערס

זינט פראַנץ קאַפקאַס טויט (1924) איז שוין אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ רייכע ליטעראַטור וועגן זיין לעבן און שאַפן. לעצטנס זענען צוגעקומען נייע ווערק, וואָס פּרווון וואַרפן אַ נייַ ליכט אויף זיינע ווערק. אין דער ענגלישער אויסגאַבע יידיש, ארויסגעגעבן דורך דער אַמעריקאַנער אַסאָציאַציע פון פּראָפעסאָרן פאַר יידיש, איז אין דער ספּעציעלער עדיציע פון האַרבסט, 1984 (באַנד 5, נומער 4) אָפּגעדרוקט אַן אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונג פון דזשין יאָפען וועגן יידישע עלעמענטן אין פראַנץ קאַפקאַס ווערק. היות אין דער גוט באַקאַנטער קריטיק וועגן קאַפקאַן גילט די הנחה אַז יידישע עלעמענטן האָבן אין זיין שאַפן געשפּילט אַ גאָר קליינע ראָל, זוכט די דערמאָנטע מחברין צו באַווייזן מיט ציטאַטעס פון פרצן די ווירקונג וואָס זיי האָבן געהאַט אויף קאַפקאַס שאַפונגען.

אַז מיר רעדן וועגן באַווירקונגען איז כדאַי דאָ צו דערמאָנען עוועלין טאָרטאַן בעקס בוך "קאַפקא און דער יידישער טעאַטער". די מחברין שטיצט זיך אויף קאַפקאַס טאָגבוך, ווו איבער 100 זייטן זענען פאַרבונדן מיט די אויפטריטן פון יידישן טעאַטער אין פּראָג. אויף וויפל מיין זכרון דינט מיר, זאָל קאַפקאַ האָבן אויפגעטראָטן פאַר דער פּרעמיערע פון דער טרופּע מיט אַ באַגריסונג פאַרן אַנסאַמבל און ער האָט זיין באַגריסונג פאַרענדיקט מיט די ווערטער: "מיינע הערן און דאַמען, איר ווייסט אַליין נישט וויפל יידיש איר פאַרשטייט."

עוועלין בעק האָט זיך באַמיט צו ווייזן די אויסווירקונג פון דער יידישער טעאַטער-טרופּע אויף קאַפקאַן און זיינע שאַפונגען. האָבן קריטיקער אָפּגעוואָרפן אירע באַווייזן און די אויספירן וואָס זי מאַכט, מיט גאַנץ וואָגיקע אַרגומענטן.

אָבער אַנדערש איז, לפי דעתי, דער צוגאַנג פון דזשין יאָפען און איר אַרגומענטאַציע וועגן דער ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין קאַפקאַס סטיל און פּערספּעקיוו, נישט צוליב די איינפלוסן פון יידישן טעאַטער אין פּראָג, נאָר צוליב זיין פּערזענלעכער טראַומע. אין 1911 האָט ער מורא באַקומען פאַר זיין טובערקולאָז-קראַנקייט צוליב וועלכע ער קען אין גיכן שטאַרבן. צוליב דעם האָט ער אין 1912 דורכגעמאַכט קוראַציע אין אַ ריי סאַנאַטאָריעס און דאָס וואָרט אַנגסט האָט זיך באַוויזן אין זיין טאָגבוך. זיין קראַנקייט איז כלפּי חוץ באַקאַנט געוואָרן שפּעטער ערשט, אין 1917, ווען ער האָט אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט.

אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט זיין נאָענטן פריינד און ביאָגראַף, מאַקס בראָד, קלינגט אָפּ די קלאַסישע טענה וואָס ציט זיך פון איוב ספר: פאַרוואָס מיך?...

פונקט אָבער ווי זיין באַקאַנטער העלד יוסף ק. געפינט נישט קיין ענטפער אויף זיין שאלה ("דער משפט") אַזוי קען נאַטירלעך קאַפקאַ נישט געפינען קיין ענטפער. האָט ער געזוכט אַ באַשייד אין חומש וועגן גאָטס צאָרן אויף דער מענטשלעכער ראַסע, די געשיכטע מיטן אַרויסטרייבן פון גן-עדן און די באַשטראָפונג פון אַלע: שלאַנג, מאַן, פרוי. די מחשבות בעת זיין קראַנקייט אָבער באַציען זיך נישט נאָר צום טויט נאָר אויך צו ליידן ביזן טויט, וואָס קומען ביי אים צום אויסדרוק אין אַ ריי דערציילונגען, וועלכע דזשין יאָפען ציטירט סוזשעטיש.

טאַקע ביי דעם הייבט זי אַרויס פרצעס דערציילונגען צו פאַרגלייכן מיט קאַפקאַס און זייער אויסווירקונג אויף אים. די דערציילונג "מקובלים" האָט אים סטימולירט צו פאָרשן

קבלה. ווען ער האָט געלייענט מיתת נשיקה האָט עס אים אַזוי באַווירקט, אַז ער האָט גלייך געשריבן צו זיין פריינדין פעליצע: "בכדי אויסצוברייטערן דעם אויסוואַל פון צוגעפּאַסטע ביכער וועל איך זען צו באַזאָרגן דיר פּרצס "פּאָלקסטימלעכע געשיכטן".

דזשין יאָפּען ברענגט אין איר פאַרנעמיקער אָפּהאַנדלונג אַ באַדייטנדיקע צאָל פאַרגלייכונגען פון פּרצס סוזשעטן מיט קאַפקאַס צו באַקרעפטיקן איר הנחה ווען יידישע עלעמענטן אין קאַפקאַס ווערק; ציטאַטן פון זוהר פאַרגלייכט זי מיט דער דיסקוסיע צווישן פּריסט און יוסף ק. (דער מישפט"), באַטאָנענדיק, אַז עס לייענט זיך ווי אַ "תלמודישער וויכוח".

אינטערעסאַנט איז איר פאַרגלייכונג פון קאַפקאַן מיט באָנטשען אין דעם פאָלגנדיקן אָפּזאַץ: "קאַפקאַ האָט זיך טיף אידענטיפיצירט מיט באָנטשען. זיין לעבן איז אויך געווען איין גרויסער טעות. אַ ייִד וואָס האָט נישט געקענט זיין טראַדיציע; אַ טשעך וואָס האָט גערעדט דייטש; אַ יוריסט וואָס האָט געאַרבעט אין אַ פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט; אַ שרייבער אָן צייט צו שרייבן".

איר אַרבעט האָט, לפי דעתי, נאָך אַ גרויסע מעלה, וואָס זי דערציילט איבער פאַרן לייענער אין ענגליש דעם אינהאַלט פון אַ היפּשע צאָל פּרצס דערציילונגען, וועלכע זאָלן האָבן באַווירקט קאַפקאַן. במילא באַקאַנט זי דעם לייענער מיט די ווערק פון פּרצן, זייער איינפלוס אויף קאַפקאַן. "די דריי מתנות" האָבן אים אינספּירירט צו זיין דערציילונג "דער יעגער גראַכוס", און אַז קאַפקאַ האָט אויך אויף אַ געוויסן אופן געגלויבט אין דעם וואָס מיר באַצייכנען השגחה פּרטית. באשר קאַפקאַ האָט אויך מעיין געווען אין פּרצס "וואָס איז נשמה"? אויב גוף איז פאַרמישפּט צו שטאַרבן וואָס איז ווען דער נשמה?

וויל איך נישט מאריך זיין מיט איר אינטערעסאַנטער אָפּהאַנדלונג, מחמת איך גיי איבער צו אַנדערע ביכער וואָס זענען לעצטנס דערשינען אין ענגליש וועגן קאַפקאַן, און זיינע דערציילונגען גופא, וואָס דער פאַרלאַג שאָקען האָט אַרויסגעגעבן אין זייער גאַנצער פולקייט אין איין באַנד.

ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז אַ צוויי דורות נאָך זיין טויט איז ער אַלץ נאָך פאַרבליבן דער אויסדרוק און די אויטענטישסטע שטים פון אונדזער צעכראַסטעטן, צעבלוטיקטן יאָרהונדערט, און זיינע שאַפונגען ווערן געלערנט ווי קבלה, איז דאָך ריכטיק די מסקנא פון באַרימטן פּאָעט ה. אָודען אַז קאַפקאַ "קומט צו צומנאָענטסטן צו אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט אונדזער עפּאָכע, ווי דאַנטע, שעקספּיר און געטע צו זייערע תקופות".

פאַרטיפט מען זיך טאַקע אָן אויפהער אין זיינע שאַפונגען צו זוכן אין זיי אַ באַשייד פאַר דעם אַלעם וואָס קומט פאָר אין אונדזער תקופה מיט איר פּראָבלעמאַטיק. און די שרייבערין דזשין יאָפּען איז ביי דער מיינונג אַז מען דאַרף אויספאָרשן די באַווירקונגען פון יידישע מקורות אויף קאַפקאַס שאַפן, און דאָס וועט געבן אַ נייע באַלייכטונג פון זיין פּערזענלעכקייט, די אויסווירקונג פון זיין אייגענעם לעבן אויף זיינע ווערק.

קריטיקערס האָבן טאַקע זיך אַ סך אָפּגעשטעלט אויף עלעמענטן פון זיין אויטאָביאָגראַפיע ציטירנדיק זיינע ווערטער "מיין טאַלאַנט איז צו פאַרטרעטירן מיין אינעווייניקסטן לעבן". אמת איז, אַז ביים רוב שרייבערס באַזירן זיך זייערע ווערק, אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, אויף אויטאָביאָגראַפישע פאַקטאָרן. דערפאַרונג, איבערלעבונג ווערן געפּאָרט מיט פיקציע אין אַ געראָטענעם זיווג-טוב און עס ווערט ליטעראַטור פון אַ מדרגה.

וועלן מיר זען וואָס פאַר אַ ווירקונג עס האָבן געהאַט אויף קאַפקאַן עלעמענטן פון זיין

אויטאָביאָגראַפיע אויף וועלכע עס שטעלט זיך אָפּ אין איר בוך (אַ גאַנץ פּראָוואָצירנדיק בוך), די איבערזעצערין פון זיינע ס'רוב ווערק אין פראַנצויזיש, מ. ראָבערט. איר בוך פאַרעפנטלעכט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק (אין אַן ענגלישער איבערזעצונג) אונטערן טיטל "פראַנץ קאַפקאַס איינזאַמקייט", איז געבויט אויף דער הנחה אַז זיין איזאָלירטקייט, זיין פרעמדקייט פון פשוטן מענטשלעכן לעבן, זיינע ספיקות פון זיין אייגענער אידענטיטעט, זענען אוממיטלבאַרע קאָנסעקווענצן פון זיינע איינשטעלונגען, קאָנפליקטן מיט יודאַיזם. פשוט: צו קענען זיין אַ ייד.

די מחברין הייבט אָן איר טעזע מיט דער אַפירמאַציע וועלכע איך ציטיר ווערטלעך: "איינע פון די שטאַרקסטע שטריכן וואָס קענטיקן זיך בולט אין קאַפקאַס ווערק, הגם די שאַפונגען דרייען זיך אַרום די גרויסע טעמעס פון דער יידישער מחשבה און ליטעראַטור - איז גלות, זינד, תשוקה - אָדער אין מאָדערנע טערמינען: שולד פאַרבונדן מיט אויסוואָרצלונג, פאַרפאָלגונג - דאָך איז ביי אים קיין איין איינציקער ייד נישט בנימצא. אַפילו דאָס וואָרט ייד ווערט נישט דערמאָנט". די מחברין פאַרזעט נישט זיינע אָנמערקונגען וועגן יודאַיזם און יידן אין זיינע טאָגביכער און בריוו. זי באַמערקט אָבער אַז ווען קאַפקאַ באַנוצט דעם איניציאַל ק' (אין "משפט" און "שלאָס") איז עס דערפאַר וואָס קאַפקאַ איז אַ יידישער נאָמען וועלכן דער מחבר האָט ערגעץ פאַרשטעקט צו אַן אונטערגרונט-עקזיסטענץ. צו דעם איז זי נאָך מוסיף: "מיר דאַרפן אָבסערווירן אַז מיט אויסמיידן זיין נאָמען אין זיינע ווערק, האָט ער דורך דעם קודם כל מודיע געווען אַ פשוטן פאַקט פון דערפאַרונג - הגם לוידער גוט באַוווסט - אַז ער איז אין אַ געזעלשאַפט ווו געבורט שטעלט אים אַוועק (אין אַ ספק פאַזיציע) צו קענען זיך באַצייכנען דאָרט אין דער היים. און דער יחיד קאַפקאַ איז בלויז אַ העלפט פרעזענטירט, אויב בכלל".

די מחברין פאַררופט זיך אויף אַ פּאָסטקאַרטל וואָס קאַפקאַ האָט געשריבן אין 1916 צו פעליצע באַוער אין וועלכן ער מערקט אָן צוויי אַרטיקלען וועגן זינע ווערק. איינס האָט געשריבן מאַקס בראָד און ער גיט דאָרט אַזאַ קריטישע דערקלערונג: "ק"ס געשיכטעס זענען די צומיינסטן טיפּישע יידישע דאָקומענטן פון אונדזער צייט". דער צווייטער אַרטיקל פון ראָבעט מולער שטעלט פעסט: "ס'איז פאַראַן יסודותדיק אור-דייטשיש וועגן ק"ס נאַראַטיווער קונסט".

באַמערקט קאַפקאַ איראָניש ווען די סתירות צווישן ביידע: "אַ שווערער ענין. בין איך אַ צירקרייטער אויף צוויי פערד? לוידער בין איך נישט קיין רייטער, נאָר ליג אויפן באָדן". נאָכן ציטירן עס פרעגט די מחברין: צי שטאַמען קאַפקאַס ספיקות וועגן זיין אייגענער אידענטיטעט פון זיין אידענטיפיצירן זיך מיט דער דייטשער קולטור און זיין אָפּוואָרפונג פון יודאַיזם? אויף איר שאַלה ענטפערט זי מיט אַן אַפירמאַטיוון: יאָ. זי שרייבט: "דערפאַר וואָס ער האָט אָנגענומען דעם שטאַנדפונקט צו לעבן ווי ער וואָלט נישט געווען קיין ייד, האָט ער זיך געפילט פאַרשעמט און פאַרשולדיקט צו אַלע: צו די קריסטן מחמת ער איז אַ ייד; צו זיין אייגן געוויסן, מחמת ער איז נישט קיין ייד. שולדיק לגבי נישט-יידן, וועלכע ער האָט אָפּגענאַרט מיט זיין דיסקרעטקייט. און לגבי יידן אַזוי שטאַרק געזינדיקט צוליבן פאַרראַטן זיי ביי יעדן מאָמענט, ווען ער האָט יידישקייט פאַרנאַכלעסיקט, ווי ער וואָלט נישט געהאַט דעם מוט לחלוטין מיט אים איבערצורייסן".

לויט אָט דער הנחה איז דאָך קאַפקאַ געווען באַלאָדן מיט אַ צווייפאַכיקער שולד, וואָס איז געווען פאַר אים דער אוממיטלבאַרער מקור פאַר דער "שולד אָן אַ פאַרברעכן" (וואָס האָט דערפירט יוסף ק. צו זיין פאַרניכטונג אָן אַ פסק דין).

ווייס איך נישט פון וואַנען די דערמאָנטע מחברין האָט געקענט אָן אַ שום פאַקטישער

באַגרינדונג פון איר טעזיס אָן באַווייזן קומען צו אַזאַ מסקנא לגבי קאַפקאַן. איז ער געווען אַ היפּאָקריט? האָט ער טאַקע פאַרלייקנט זיין יידישקייט, פאַרראַטן אָפּשטאַם דורך נישט פראָקלאַמירן אים בקול רם, ווי עס דרינגט אַרויס פון אירע הנחות און אויספירן? און נאָך וויכטיקער: פון פסיכאָלאָגישן אַספּעקט, קען מען דען בכלל פעסטשטעלן זיין געפיל פאַר שולד מחמת ער האָט באַשר געזינדיקט קעגן יידן און יידישקייט?

אמת ער האָט געהאַט אַ שווערקייט איינצושטעלן נאָענטע באַציונגען מיט פרויען. געהאַט ספיקות וועגן ווערט פון זיין אייגענער עקזיסטענץ, און זיין איבערצייגונג אַז ער איז "געמאַכט פון ליטעראַטור" און קען גאָר קיין מאָל נישט זיין עפּעס אַנדערש-איז דאָס אַלץ אַ ראַיה, אַז ער האָט געזינדיקט קעגן יידן און יידישקייט? מה ענין שמיטה אצל הר סיני? האָבן אַ מאָל געפרעגט אונדזערע אַלטע חכמים, און דאָס איז מיר געקומען אויפן געדאַנק בעתן לייענען מ. ראָבערטס בוך וועגן פראַנץ קאַפקאַס איינזאַמקייט.

לאָמיר באַטראַכטן פון אַ יידישן אַספּעקט קאַפקאַס לעבן און שאַפן. קודם, ביאָגראַפיע: זיין פאָטער איז געקומען קיין פראָג אין 1882, אין דעם יאָר איז פראַנץ קאַפקאַ געבוירן געוואָרן. ווי באַקאַנט פון זיין "בריוו צום פאָטער", האָט הערמאַן קאַפקאַ געהאַט אַ כלאחר יד באַציונג צו זיין רעליגיע. "נאָר פיר טעג אין יאָר געגאַנגען אין סינאַגאָגע, וואָס איז געווען, צו זאָגן דאָס ווינציקסטע פון דעם, מער נאָענט צו גלייכגילט, ווי די וואָס נעמען עס ערנסט...ווו די איינציקע צערעמאָניע איז נאָר געווען די ערשטע סדר-נאַכט פסח.

פראַנץ האָט נאָר געהאַט אַ בר-מצווה-פייערונג (1896). און אַ וויכטיקן פּרט באַמערקט קאַפקאַס ביאָגראַף ראָנאַלד היימאַן. אין די איינלאַדונגען צום זונס בר-מצווה האָט דער פאָטער באַנוצט דעם קריסטלעכן טערמין - קאָנפירמאַציע. היימאַן קומט צום אויספיר אַז ס'איז נישט וואַרשיינלעך קאַפקאַ זאָל האָבן באַקומען אין דער היים וואָס פאַר אַ נישט איז ערנסטן זין פאַר יידישקייט, ווי מיר פאַרשטייען עס.

און אוודאי קען מען בכלל נישט פאַרבינדן זיין איזאָלירטקייט, מחמת ער איז אַ ייד. עס שיינט אַז קאַפקאַ איז געווען אַן אַטעיסט. אין דער היים פון זיין פאָטער האָט ער קיין יידישקייט נישט געקענט זען און דעריבער האָט ער נישט געקענט האָבן צוליב איר אַ מין שולד-געפיל, וואָס עס טוט אים צושרייבן מ. ראָבערט.

אגב איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן וועגן זיין איזאָלירטקייט, אַז בעת ער האָט זיך געלערנט אין "שטאַטסגימנאַזיע" האָט ער זיך שוין געהאַלטן אָפגעזונדערט פון אַנדערע יינגלעך, נישט קענענדיק געפינען נאָענטע באַציונגען מיט וועלכן עס איז פון זיי. זיין איינזאַמקייט האָט זיך שוין דעמאָלט בולט מאַניפעסטירט. און ווי די ביאָגראַפן באַמערקן זענען אין זיין קלאַס פון 39 שילער דרייסיק געווען יידיש.

איצט וועגן קאַפקאַס דייטשער קולטור. זיין פריינד, פעליקס וועלטש האָט אָנגעשריבן אַן עסיי "דער אויפקום און אונטערגאַנג פון יידיש-דייטשער סימביאָזע". באַמערקט ער אין דעם מאַמר, אַז די "יידן אין פראָג האָבן זיך נישט באַטראַכט פאַר פאַרבינדעטע נאָר ממש אידענטיפיצירט זיך מיט די דייטשן".

ער דערמאָנט זיין אייגענע פולשטענדיקע אידענטיפיצירונג מיט דייטשער קולטור און גיט אַפילו נאָך צו די באַמערקונג, אַז פראָגער יידנטום איז געווען אַ סך ווייטער פון יידישקייט ווי די דייטשע יידן. אויפן סמך פון דעם וואָס וועלטש גיט אין זיין כאַראַקטעריזאַציע פון די יידן אין פראָג, וועלכע האָבן געשאַפן אַ גאָר נאָענטע פאַרבינדונג מיט דעם דייטשן מיעוט אין שטאָט, קען מען דען האָבן דעם מינדסטן גרונט אונטערצוהאַלטן די הנחה פון מ. ראָבערט וועגן קאַפקאַס שולד-געפיל לגבי יידישקייט? האָבן דען זיינע פראָגער מיטצייטלערס פון יידישן אָפּשטאַם זיך באַצויגן אַנדערש ווי ער?

פונקט אַזוי זעט אויס אומבאַגרינדעט זיין איזאָלירטקייט און איינזאַמקייט באשר צוליב זיין אָפּוואַרפן פאָלקישע יידישקייט. שוין אָפּגערעדט פון דעם אַבסורד וואָס מ. ראָבערט שרייבט אים צו: היפּאָקריזיע. ס'איז איבעריק אַ וואָרט צו פאַרלירן אַזעלכעס פאָרצוואַרפן קאַפקאַן, וואָס איז באַצייכנט פון מאַקס בראָד, אַז "אַבסאָלוטער אמת איז געווען איינער פון די באַדייטנדיקסטע, אויסגעטיילטע שטריכן אין זיין כאַראַקטער".

זיכער האָט יידישקייט געשפּילט אין זיין לעבן אַ וויכטיקע ראָל, און די ענדערונג איז פאָרגעקומען אין זיין נשמה ווען ער איז געוואָרן עלטער. דאָ קומט אויך אַריין די הנחה פון עוועלין בעקס בוך וועגן איינפלוס אויף קאַפקאַן פון דער יידישער טעאַטער-טרופּע, וואָס האָט גאַסטראָלירט אין פּראָג אין 1911. מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט זיין "בריוו צום פאָטער" און די טענות צו אים וועגן זיין אַסימילאַציע-איינשטעל. זיכער האָט זיין פאָטער אַרויסגעוויזן זיין פאַראַכטונג צו די "אָסט-יודען" און זייער "זשאַרגאָנישן" טעאַטער. קומט די מחשבה אַז צו להכעיס זיין אַסימילירטן פאָטער, האָט קאַפקאַ זיך אידענטיפיצירט מיט די יידישע אַקטיאָרן פון פּוילן. ער האָט געזען אין זיי אַחים לצרה צו די באַליידיקונגען וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען מצד זייערע אַסימילירטע ברידער.

זייערע פאָרשטעלונגען האָבן אַרויסגערופן אין אים דעם סטימול און אינטערעס פאַרן יידישן פאָלקלאָר. ער האָט דאַן אויך באַקומען אַ טיפערן אינטערעס צו יידישקייט בכלל און אָנגעהויבן לערנען זיך העברעיש, און ווען ער האָט געלעבט אין בערלין, קורץ פאַר זיין טויט, האָט ער באַזוכט לעקציעס וועגן תלמוד.

אָט די ענדערונג אין זיין לעבן איז נישט געווען קיין פועל יוצא פון אַ מין שולד-געפיל פון א בעל-תשובה, וואָס האָט פריער דעזערטירט פון יידישקייט און פאַרן טויט טוט ער תשובה, נאָר פון אַ מענטש מיט א הויכער סקעפּטישער אינטעליגענץ, וואָס איז צוליב זיין היים און דערציונג געווען ווייט פון אַ יידישן באַוווסטזיין און ער האָט, מיט רעכט, אין דעם באַשולדיקט זיין פאָטער און זיין אויסגעליידיקטע היים פון יידישער טראַדיציע און יידישע ווערטן.

לשם אינפאָרמאַציע וויל איך באַמערקן אַז מ. ראָבערט איז אויך די מחברין פון אַ בוך "די פּסיכאָאַנאַליטישע רעוואָלוציע". איז נישט קיין חידוש שוין, ווען זי גייט אויך אָנווענדן דעם פּסיכאָאַנאַליטישן מעטאָד לגבי קאַפקאַן, אַז זיין נישט חתונה האָבן מיט פעליצע באַוער איז באשר פאַרבונדן מיט דער עידפּוס-סינדראָמע. זי שרייבט: "קאַפקאַ האָט געדאַרפט אָפּהיטן דעם יידישן דין, וואָס האַלט אַז אויב ער וויל זיין אַ מאַן, אין פולן זין פון וואָרט, דאַרף ער חתונה האָבן".

ער האָט עס, לויט איר היפּאָטעזע, נישט געקענט טאָן, מחמת אַלע פרויען זענען פאַר אים געווען מוטערס און מיט זיי טאָר ער דאָך קיין געשלעכטלעכע באַציונגען נישט האָבן. (ביים לייענען האָט עס זיך אין מיין מחשבה איבערגערופן מיט שלום אַשס העלד מירקין אין "פאַרן מבול" טרילאָגיע).

מיר איז אויסגעקומען אַ סך צו לייענען וועגן די סיבות צוליב וועלכע קאַפקאַ האָט נישט חתונה געהאַט סיי מיט פעליצען אָדער מיט דאָרען. איך מיין אַז עס איז מסתמא ריכטיק די מיינונג, אַז ער האָט זיינע נאָענטע אים פרויען געהאַלטן פון אַ דיסטאַנץ עס זאָל זיין מער אַן עפּיסטאָלאַרע נאָענטשאַפט ווי אַן עמאָציאָנעלע, וואָס קען באַדראָען זיין עקזיסטענץ ווי אַ שרייבער. אין מיין מאָנאָגראַפישער אַרבעט וועגן טשעכאָוון (אין מיין בוך "שורש") האָב איך אַנאַליזירט די זעלבע סיבות פאַרוואָס ער האָט אויסגעמיטן חתונה צו האָבן ביז זיינע פערציק יאָר, ווען ער האָט ענדלעך געהייראַט אָלגאַ קניפּער. גלויב איך אַז ס'איז געווען אַן ענלעכע סיטואַציע ביי קאַפקאַן.

אויך אַ יאָר פֿאַר זײַן טויט, ווען קאַפֿקאַ האָט אַרויסגעוויזן מער נאָענטקייט צו דאָרע דימענט, האָט ער נאָך אַלץ זיך געשראָקן פֿאַר דעם און געשריבן: "עס איז אַ הפֿקרדיקער שריט און קען פֿאַרגליכן ווערן צו אַזאַ גרויסער היסטאָרישער געשעעניש, ווי נאַפּאָלעאָנס רוסישע קאַמפּאַניע".

איז געקומען די שאלה: פֿון וואַנען האָט זיך גענומען, וואָס אַזאַ גרויסער שרײַבער זאָל זײַן אַזוי הילפֿלאָז, באַדראָט, אַפֿילו מיט די וואָס האָבן אים געליבט? די ענטפֿערס וועלכע מען גיט אויף דער שאלה האָבן אַ באַגרינדונג אין זײַן היים און די יונגע קינדהייט זײַנע; דאָס זען אַזוי ווייניק זײַנע עלטערן, די ענדערונג פֿון דער ניאַניע, דער טויט פֿון זײַנע יונגע ברידערלעך אין זייער קינדהייט; דער דאָמינירנדיקער טאַטע און נאָך אַנדערע סיבות, וואָס גיבן נאָך אַלץ נישט קיין גענוגנדיקן ענטפֿער אויף אַזאַ מין שאלה.

אפשר קענטיקט זיך עס מער אין די ווערטער, וואָס עס זאָגט זײַנס אַ העלד: עס איז בײַ מיר קיין מאָל נישט געווען אַזאַ צײַט איך זאָל זײַן בײַ זיך אַליין איבערצײַגט אַז איך בין אַ לעבעדיקער.

דאַרף מען די ווערטער מצרף זײַן מיט קאַפֿקאַס ספֿיקות וועגן זײַן אידענטיטעט. אַ נעגאַטיווע באַציונג צו זײַן אייגענעם קערפּער, אויסגעמאָגערט, שוואַך, געשעמט זיך אַפֿילו צו שווימען מיט אַנדערע. "עס איז זיכער, האָט קאַפֿקאַ געשריבן, אַז מײַן פֿיזישער צושטאַנד איז די הויפּט-מניעה... וואָס קען מען דערגרייכן מיט אַזאַ קערפּער"? ער האָט זיך אויך נישט גוט געפֿילט אין אַן אומבאַקאַנט אָרט און מיט מענטשן וואָס זענען אים פֿרעמד. דערקעגן האָט ער צווישן נאָענטע פֿרײַנד אַרויסגעגלאַנצט מיט זײַן שאַרפֿזין, שאַרם און איראָניע.

קאַפֿקאַס פּחד פֿאַר דער דרויסנדיקער וועלט, אָדער צו ווערן נאָענט אַרײַנגעצויגן מיט אַנדערע, און צוליבן פֿאַרלוסט-פּחד פֿון זײַן אייגענער אידענטיטעט האָט אים געצוווּנגען צו זוכן אַנטריניקונג אין שרײַבן. דאָס איז געווען דאָס איינציקע וואָס ער האָט געקענט טאָן צו פֿילן זיך זיכער, נישט צו זײַן געשטערט. ער האָט געגלויבט אַז פֿאַר אים צו קענען עקזיסטירן איז נאָר מעגלעך דורך זײַן שרײַבן.

ער האָט עס באַטאָנט אין אַ בריוו צו פֿעליצען און ווען זי האָט אים איין מאָל פֿאָרגעלייגט, אַז זי וואָלט געוואָלט זיצן נעבן אים בעת ער שרײַבט, האָט ער גלײַך געזוכט זיך אויסצוהיטן פֿון דעם. ער האָט איר געענטפֿערט: "הער, אויף אַזאַ אופֿן וואָלט איך נישט געקענט שרײַבן (איך קען במילא קיין סך נישט טאָן). אין אַזאַ פֿאַל וואָלט איך שוין בכלל נישט געשריבן. מחמת שרײַבן מיינט זיך אַנטפּלעקן איבערמאָס; דאָס אַבסאָלוטע זיך-אַנטפּלעקונג זיך אונטערצוגעבן, אין וועלכן אַ מענטשלעך וועזן, אַנגאַזשירנדיק זיך מיט אַנדערע, וועט שפּירן אַז ער פֿאַרלירט זיך אַליין... עס איז קיין מאָל נישט גענוגנדיק דאָס זײַן אַליין בעתן שרײַבן".

וואָס שייך דעם טעזיס וועגן זײַן באַציונג צו ייִדישקייט איז וואַרשײַנלעך מעגלעך, אַז זײַן אַמביוואַלענטע באַציונג איז געווען אַ פּועל יוצא, וואָס זײַענדיק אַ דײַטש-רעדנדיקער ייד אין אַ הויפּטזעכלעך טשעכישער קולטור, וואָס איז געווען צעקרימט דורך אָפֿטע אויסברוכן פֿון אַנטיסעמיטיזם, האָט פֿאַרשטאַרקט זײַן געפֿיל פֿאַר איזאָלאַציע.

דאָס האָט אָבער נישט קיין שייכות צו מ. ראָבערטס אומבאַגרינדעטער הנחה, אַז אָט די סיבות האָבן גורם געווען זײַן צעטיילטן "איך", ווי מיר האָבן עס פֿריער ציטירט פֿון איר בוך. דאָס איז אַזוי ווײַט פֿון דער רעאַליטעט, ווי מיר קענען עס, נישט נאָר פֿון דער ליטעראַטור נאָר אויך פֿון אויטענטישע צעפּײַניקטע געשטאַלטן פֿון דער געזעלשאַפֿט, וואָס איז אונדז גוט באַקאַנט.

# "אַ ווינטער אין ירושלים" פון בלענטש דעפּוזשע

בלענטש דעפּוזשע איז א דערפאָלרייכע אויסטראַלישע שרייבערין. זי האָט אַרויסגעגעבן ביאָגראַפישע ביכער וועגן באָב האָק איידער ער איז געוואָרן אויסטראַלישער פּרעמיער-מיניסטער, אויך וועגן סער ריטשאַרד קערבי (געוועזענער פּרעזידענט פון דער אַרביטראַזש-קאָמיסיע).

זייענדיק אַ זשורנאַליסטין און די פרוי פון אַ דיפּלאָמאַט איז איר אויסגעקומען צו לעבן אין אינדאָנעזיע אַ 9 יאָר און אויך יאָרן אין מאַלאַזיע. זי האָט וועגן דיביידע לענדער געשריבן און ארויסגעגעבן ביכער.

זי האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן ישראל, ווו זי האָט פאַרבראַכט א צייט זוכנדיק פאָרש-מאַטעריאַל פאַר איר ביאָגראַפיע וועגן באָב האָק. איר בוך וועגן ישראל האָט דעם טיטל "א ווינטער אין ירושלים".

כאַראַקטעריסטיש איז איר זאָג וועגן איר אַרבעט אויף איר בוך וועגן ישראל, "די גאַנצע צייט וואָס כ'האָב געאַרבעט אויפן בוך האָב איך זיך געשפּירט זייער יידיש. איך האָב גערעדט און געטראַכט יידיש" (נישט שפּראַכלעך).

פאַקטיש פלעגן מיך יידן פרעגן: "ביסטו אַ יידישע? זעסט נישט אויס ווי אַזאַ, אָבער...

איך האָב, באַמערקט זי, אַנטוויקלט אַ יידישע זשעסטיקולאַציע און געוויסע אויסדרוקן מיט אַ יידישן אידיאָם. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין איר בוך "אַ ווינטער אין ירושלים". זי האָט זיך געטראָפן מיט די מענטשן וואָס ראַנגלען זיך שלום צו מאַכן מיט זייערע דערפאַרונגען, קעמפן מיט רעאַלע פּראָבלעמען און וועלכע די מחברין גופא ווערט אַריינגעצויגן. אין דעם געוועב פון איר בוך איז פארשפיגלט דער געוועב פון דער ישראל-געזעלשאַפט, בעיקר פון איר אינטעלעגענץ, וואָס פיגורירט אַלס פּראָטאַגאָניסטן פון איר סוזשעט. איר לשון איז עלעגאַנט. אין געוויסע ערטער זייער שיין. די טיפּן זענען אַריינגעטאָן נישט נאָר אין זיך אַליין נאָר אויך אין דער געזעלשאַפט אין וועלכער זיי לעבן זיך אויס; אַריינגעטאָן אין תוך-פראַגן פון אידענטיטעט, און אין קאָנפליקט מיט דער געזעלשאַפט. זייערע פּראָבלעמען זענען נישט קיין שאַטנס נאָר רעאַלע און פאַרטיפטע.

די מחברין מיידט אויס סענטימענטאַלקייט. זי איז זייער שאַרף וועגן אַלץ וואָס זי האָט אין איר ווערק באַרירט.

מען האָט דער מחברין פאָרגעוואָרפן, אַז זי ווייזט אַרויס אַ געוויסע פיינטשאַפט צו די לענדער וועגן וועלכע זי שרייבט, און זי איז מסכים מיט דער מיינונג. ווען זי האָט געוויזן איר בוך צו אַ ישראלי, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר: גאָט מיינער, ביסט אַ בייזוויליקער שרייבער.

יאָ, זאָגט זי, דאָס איז אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג וועגן מיר. איך האָב הנאה פון זאָגן בייזוויליקע זאַכן.

געוועזן איז זי אין ישראל אין די יאָרן ווען דאָס לאַנד איז געווען אריינגעצויגן אין דעם קריג מיט לבנן. דאָס איז דאָ אין הינטער-גרונט פון איר בוך, אָבער דער סוזשעט פאַרנעמט זיך נישט לגמרי מיט דעם גאַנג פונעם קריג. און זי נעמט אויך נישט קיין שום צד אין דעם ישראל-אַראַבישן קאָנפליקט, כאָטש זי האָט דאָך אירע מיינונגען וועגן די אַראַבער און זייער טעראָר, וועלכן זי דערמאָנט פאַרבייגייענדיק. איינער פון אירע הויפּט-טיפּן איז אַן אַראַבער, אַ פאָטאָגראַפיסט אין וועלכן זי נייטיקט זיך גרייטנדיק זיך צו מאַכן אַ פילם וועגן מסדה-אויפשטאַנד.

די מחברין באַלייכט דעם פּסיכישן מעכאַניזם פון אירע העלדן, די טונקלקייטן פון

זייער אונטערבאַוווסטזיין, באַגלייט מיט רעאַליסטישער לעבנס-דערקענטעניש און זיך-אַנאַליז.

אין אירע פּייזאַזשישע עקסקורסיעס איז שטאַרק וואַכיק איר אויג און אויער פאַר קלאַנג און בילד פון יעדן דעטאַל און אַנאַליז, וואָס זי מאַכט אין איר דעסקריפּצע פון ערטער, וואָס זענען אַזוי בולט אויטענטיש פאַרן אויג פון לייענער, וואָס האָט בעת זיינע באַזוכן אין ישראל אַליין געזען די ערטער.

דאַניעל האָט אַליין צופיל פּערסאָנאַליטעטן אין זיך, וואָס קענטיקן צו זיין אויטאָ-ביאָגראַפיש. זי באַגעגנט זיך מיט די עגאָמאַניאַקס, וואָס מיינען אַז זיי זענען אין אַלץ גערעכט. זי אָבסערווירט דעם מענטש וואָס קען נישט אַראָפּוואַרפן זיין הויט אָן וווּנדן אין דער נשמה.

זי באַהאַנדלט די פּראָבלעמאַטיק פון ישראל מיט טיפקייט און פאַרנעם. און מיר קאָנפראָנטירן די פּערסאָנאַזשן וואָס ראַנגלען זיך מיט זייערע טראַגישע דילעמעס אין אַ כסדרדיק שטייגן פון דער עמאָציאָנעלער טעמפּעראַטור. די קריזיסן וואָס זיי גייען דורך, באַגלייט מיט אַגאָניע פון אַ פּסיכישער פאַרטיפונג.

דער שרייבער וואָס איז אַ קינסטלער טראַכט אין בילדער, זיין וואָרט ווערט ביידע: קלאַנג און בילד, טיילמאָל - עפּיגראַמאַטיש שאַרף אַרויסגעבראַכט.

זי געהערט צו די שרייבערס וואָס ראַנגלען זיך מיט דער דילעמע: וואָס איז וויכטיקער אין דער כאַראַקטעריזאַציע פון אירע העלדן, דאָס אַרויסגעבראַכטע דורכן מויל, אָדער דאָס נישט דערזאָגטע?

אין אירע שילדערונגען און דיאַלאָגן, לאָזט זיך קענטיק דערהערן פון דער שטילקייט דאָס קול און דער ווידערקול ביים דורכטאָשן דאָס דערפאַרענע, דאָס, וואָס נורטעוועט אין די טיפעניש פון דער נשמה.

מיר טרעפן זיך מיט די אַמביציעזע, ס'רוב זענען עס דאָך מענטשן, וואָס זענען נישט זיכער מיט זיך און זיי ווילן באַווייזן וואָס זיי האָבן דערגרייכט אין אַזאַ אָדער אַנדער געביט. אָנגעלאָדן מיט שטרייטיקייטן זענען די העלדן פון איר בוך, וואָס ראַנגלען זיך מיט זייערע נאַציאָנאַלע התחייבותן און אינדיווידועלן געוויסן.

די מחברין זוכט צו פאַרשטיין זייערע ספיקות, ראַנגלענישן. זי זעט איין, אַז כּדי דאָס צו קענען פילן, מוז זי ווערן אַנגאַזשירט אין די ראַנגלענישן, זיי אַריבערטראָגן צו זיך, אין זיך.

אַ מעלה איז אויך איר וויסן, אַז שרייבעריש, בפרט בעלעטריסטישע וואָרט-קאַרגשאַפט, איז קינסטלערישע עשירות. אַזוי אויך איז ענגשאַפט פון דעסקריפּציע, וואָס פירט צו רחבות. דאָס קענען קאָנדענסירן אַ געדאַנק אין געציילטע שורות און שאַפן אַ בילד אין קורצע שטריכן, ביי דעם קענטיקט זיך דער טאַלאַנט פון שרייבער.

דאָס מערקט זיך בולט אין דעפּוזשעס בוך "ווינטער אין ירושלים". דער מחברינס וויזיע פון אַ דינאַמיש פּלוראַליסטיש לעבן אין דער ישראל-רעאַליטעט פון די 1980ער יאָרן, אין סאַמע ברען פון דער מלחמה אינעם געאָגראַפישן זין (מיט לבנן), און אין פּסיכאָלאָגישן זין - אין די מענטשן פון ישראל גופא.

דאַניעל, ווי איר מחברין, לאָזט זיך נישט אַוועק אויף אַן עקסקורסיע פון גענעראַליזאַציעס. די פּראָבלעמאַטיק איז נישט נאָר רעאַל נאָר כּסדר אַן אַקטועלע, וואָס גייט נישט אַראָפּ פון אונדזער סדר היום. זיי, די פּראָבלעמען, זענען אַריינגעוועבט אין דער געזעלשאַפט פון ישראל און מחוץ ישראל. די מעלה איז וואָס מיר ווייסן ביים לייענען איר בוך, אַז די כאַראַקטערן זענען אויטענטיש אין זייער וואָרהאַפטיקייט און האָבן אונדז וואָס צו זאָגן עפּעס נייס.

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# אַ געזאַנג צו יידישקייט פון אַ שוואַרצן גר

1

אין דער יידישער געשיכטע האָבן אונדז אָפּט פאַראינטריגירט אַזעלכע אויסנעמיקע דערפאַרונגען ווי גרות לשמה, ווען זעלטענע נישט יידישע יחידים האָבן זיך פאַרבונדן מיט אונדזער פאָלק פון טיפער איבערצייגונג. די זעלטענע דערשיינונגען זיינען אונדז באַקאַנט פון די אוראַלטע תנכישע און תלמודישע צייטן ביז היינט. צו דערמאָנען רות המואביה, אונקלוס; אין מיטלאַלטער - דער קעניג בולאַן און זיין פאָלק, די כאַזאַרן; אין פוילן דער גר צדק - פּאָטאָצקי; דער ענגלישער לאָרד גאָרדן; אויך די סעקולערע גויים, וואָס האָבן זיך אידענטיפיצירט מיט אונדז און מיט אונדזער גורל, ווי די רוסישע פרוי, אַ חלוצה און העברעישע דיכטערין, אלישבע; דער בונדישער טעאָרעטיקער - מעדעם; דער אַנאַרכיסט - ראָקער; דער פּאָעט - ביעלאָוסאָוו; די פּאָעטעסע. לאה ראָבינסאָן, וואָס איז פאַרליבט אין יידיש לשון; באַרבאַראַ טאַופער, אַ זשורנאַליסטקע פון ווין, געוועזענער קאָנסול אין ישראל און פיל אַנדערע.

באַזונדערס האָט אונדז אינטערעסירט דער שוואַרצער גר דזשוליוס לעסטער, פּראָפעסאָר פון יודאַיזם און אַפראָ־אַמעריקאַנער קולטור אין עלמהוירסט־מאַסאַטשוסעט אוניווערסיטעט; באַקאַנטער שרייבער, מחבר פון אַ גרעסערע צאָל ביכער, צווישן אַנדערע: "רעוואָלוציאָנערע נאָטיצן", "צו זיין אַ שקלאַף", "שוואַרצע מאַכט וועט זיך נעמען צו דיין מאַמען"; "צוויי דערציילונגען וועגן ליבע", "נייע מאָדנע געפילן", "ווער בין איך" און אַ ליבע־ליד "ווערנדיק א ייד".

פון די בכיוון אויסגערעכנטע נעמען פון די ביכער קען מען זיך מאַכן אַ בילד וועגן דעם פלאָנטער־וועג פון יענעם שוואַרצן מיליטאַנטישן שרייבער צום יידישן פאָלק.מיט לעסטערן איז אויך פאַרבונדן דער גראַנגל פון די שוואַרצע פאַר זייערע גלייכע רעכט, זייער אָנשטרענג אָנצויאָגן דורך אַפירמאַטיווער אַקציע אויפן חשבון פון די ווייסע, זייער קאַמף פאַר אינטעגראַציע, זעלבסט־רעספּעקט, די "נאָן־וויאָלענס" דעמאָנסטראַציעס אָנגעפירט פון מאַרטין לוטער קינג ביזן "בלעק פּאַוער" חשבון פאַר שקלאַפעריי, וואָס האָט געפירט פון קאַמף קעגן ראַסיזם ביזן אייגענעם שוואַרצן ראַסיזם פון סטאָקלי קאַרמייקל, פאַראַכאַן און זייער פילאָזאָפיע פון האַס, אַנטיסעמיטיזם און סימפּאַטיע צום אַראַבישן טעראָריזם.

דזשוליוס לעסטער, אַן אינטעלעקטואַל מיט באַגאַבונג פאַר מוזיק און ליטעראַטור; אַ דענקערישע און פּאָעטישע נשמה, סענסיטיוו צו מענטשלעכע ליידן, איז ווייט נישט געווען קיין יחידישער טרוימער, און אין יענע פיבערדיקע גראַנגלענישן פון זיינע ברידער אין די זעכציקער יאָרן איז ער אַליין געווען אַן אַקטיווער מיליטאַנט; ער האָט זיך באַטייליקט אין דער באַוועגונג וואָס האָט זייער אָפּט אָנגענומען אַן אַנטי־יידישן כאַראַקטער, ווי למשל דער קאָנפליקט אין דער שול פון אָושן־היל, בראָנזוויל, מיט די לערערס, מחמת די עלטערן פון יענער שוואַרצער געגנט האָבן געוואָלט קאָנטראָל. דער לערער־פאַריין אין ניו־יאָרק מיטן יידישן פּרעזידענט אַלבערט שענקער האָבן באַקעמפט דעם אַנטיסעמיטיזם און שוואַרצן ראַסיזם, אַרויסהייבנדיק די ראָל פון דערציאונג וואָס דאַרף לערנען ברידערלעכקייט צווישן די קינדער.

לעסטער איז דעמאָלט געווען אַ ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר און אָנגעפירט דעם פּראָגראַם פון שוואַרצן געראַנגל. הגם ער האָט געלייקנט זיין שייכות מיט אַנטיסעמיטיזם, האָט ער טאָלערירט געסט וואָס האָבן אָפן געהעצט קעגן יידן. אַ שוואַרצער לערער האָט געלייענט אַ פּאָעמע פון אַ 15־יאָריקער שילערין וואָס מיר ציטירן עטלעכע שורות:

"היי דו יידיש יינגל מיט דיין יאַרמולקע אויפן קאָפּ, דו ווייסער דזשו-בוי, איך ווינטש דיר דעם טויט. איך בין שוין מיד צו הערן וועגן דיינע ליידן אין דייטשלאַנד, וועגן דיין אַנטלויף פון טיראַניע. כ'בין קראַנק, פון דעם וואָס נאָר איך טו, קומסטו מיטן מאָרד פון די 6 מיליאָן... האָסט אונדז צוגענומען אונדזער רעליגיע ווייל די אמתע העברעער זיינען דאָך די שוואַרצע... ביסט געקומען קיין אמעריקע, דאָס לאַנד פון די פרייע און באַהערשט דעם שול-סיסטעם בכדי צוגרייטן די ווייסע הערשאַפט... איך האַס דיך דזשו-בוי, דיין אָנהאַלט איז די תורה - מיין איז בלויז די קאָליר".

יידן, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו זיין פּראָגראַם, האָבן ווייטיקדיק רעאַגירט און באַשולדיקט אים אין אַנטיסעמיטיזם, כאָטש ער האָט זיך אָפּגעגרענעצט פון דער תלמידהס האַס-געפילן. ער האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן וויסן וואָס שוואַרצע טראַכטן, אַז אויך די קאָלירטע זיינען באַהערשט פון ראַסיסטישע געפילן. דזשוליוס לעסטער איז דעמאָלט אַלט געווען דרייסיק יאָר. באַליבט ביי זיינע מיליטאַנטישע ברידער, איז ער פון דעסטוועגן געווען אין קאָנפליקט מיט זיין געוויסן. ס'האָט אים באַאמרואיקט די מיסטעריע פון יידישן עם לבדד ישכון, וואָס זיינען פאַרפאָלגט הונדערטער יאָרן פון קריסטן און אַראַבער. וואָס מער ער האָט זיך באַקענט מיט די יידישע פּראָבלעמען אַלץ מער האָט ער איינגעזען ווי אומגערעכט זיינע שוואַרצע ברידער זיינען בנוגע יידן; ווי ווייניק זיי וויסן וועגן אונדזער קולטור, אונדזערע ליידן און געראַנגל פאַר עקזיסטענץ.

לעסטער איז אַ געדולדיקער לערנער און לייענער. ער האָט ממש געשלונגען ביכער וועגן יידישקייט. די יידישע היסטאָריע, תנ"ך, תלמוד, קבלה, חסידיזם און זיך באַקענט מיט די מאָדערנע שרייבער און דענקער פון אונדזער צייט. אויף דער אַלטער פראַגע "ווער איז אַ ייד" האָט עמיץ געענטפערט - אויב אַ מענטש זאָגט אַז ער איז אַ ייד דאַרף מען אים גלויבן, ווייל וואָסער גוי וועט זיין אַזוי משוגע צו וועלן זיין אַ ייד. אָבער ס'זיינען געווען אַזעלכע יחידים וואָס גראָד יידישע צרות און רידפות האָבן זיי באַווירקט צו פאָרשן און זיך פאַרטיפן אין די סיבות פון יידן-האַס און זיך פאַרבינדן מיטן יידנטום. די באָגראַפיע פון לעסטער לייענט זיך ווי אַן אָדיסיי פון זיין גויישער קינדהייט ביז זיין גיור און ליבשאַפט צו יידישקייט און צום עם ישראל.

2

דזשוליוס לעסטער איז געבוירן אין 1939 אין דרום. דער פאָטער איז געווען אַ פּרעדיקער אין אַ מעטאָדיסטישער קירך אין קענזאַס. זומער־צייט פלעגט די מוטער מיט די קינדער פאָרן צו דער באָבען אין פאַין-בלאָף, אַרקענזאָ. ס'האָט דאָרט אין די פערציקער יאָרן עקזיסטירט סעגרעגאַציע, פאַרפאָלגונג און האַס קעגן שוואַרצע. אין יענעם זומער-שטעטל האָט ער געהערט דערציילן וועגן דער עלטער-באָבען מאַגי סמידט, וואָס איז אַלס קינד נאָך געווען אַ שקלאַפין און אין די 1870־ער יאָרן איז זי געווען פאַרבונדן מיט אַ ווייסן פריינד, אַדאָלף אַלטשול, דער עלטער-זיידע וואָס איז דאָרט באַגראָבן אויפן יידישן בית עולם.

דזשוליוס לעסטער האָט געהאַט אַ קולטורעלע דערציאונג. ער לערנט שפילן פיאַנאָ; צו 12 יאָר שפּילט ער באַך. ער דערציילטע וועגן זיין עקזאַלטירטער דערפאַרונג שפילנדיק

כל-נדרי. די מאַמע גיט אים צו לייענען שעקספּירס "דער סוחר פון ווענעדיק", ער פילט די באַליידיקונג און פּיין פון שיילאָקן. פאַרגלייכנדיק דעם יידס ליידן צו די שוואַרצע, פילט ער, אַז די יידישע צרות און דערנידעריקונגען זיינען געווען טראַגישער ווי די ליידן פון שוואַרצע. אין 1956 שטודירט ער אין פּיסק-אוניווערזיטעט אין נעשוויל, טענעסי. אין זיין גייסטיק לעבן קומט פאָר אַן איבערבייט. ער איז צעקריגט מיטן פּאַטערס גאָט. ער זוכט, שטודירט רעליגיעס, בודיזם, הינדואיזם, ער לייענט האַקסלי וועגן רעליגיעס (יענער שרייבער האָט אויסגעמיטן יודאַיזם). לעסטער איז אַן אַטעיסט אין יענע יאָרן. אין 1958 ווערט ער באַווירקט פון ישראלס געראַנגל פאַר קיום נאָכן חורבן אייראָפּע. ער באַגעגנט זיך אויך מיט אַראַבישן האַס קעגן ציוניזם און ער פילט אַז "אויב אַ פאָלק האָט אַ רעכט צו זיין לאַנד זיינען דאָס די יידן".

אין 1960 איז לעסטער שוין אַ שרייבער וואָס רופט אַרויס באַזונדערן אויפמערק ביים לייענער און קריטיקער. אַ בלאָנדזשענדיקער, פאַרפּלאָנטערט אין קאָנפליקט פון געוויסן און רעאַלקייט, זוכנדיק "זיך" און זיין שרייבערישן וועג, לערנט ער אַז פּאָעטישע קונסט גייט נישט באַנאַנד מיט פּאָליטיק. נישט געקוקט אויף זיין פאַרלוירענעם גלויבן איז ער טיף אין זיך רעליגיעז. ער לייענט טאָמאַס מערטאָנס "פּאָעזיע און קאָנטעמפּלאַציע", אימיטאַציע פון יעזוס, אָבער ער ווערט דערפון נישט באַווירקט, דאָס קריסטנטום האָט נישט געבראַכט קיין בעסערע וועלט. "די וועלט האָט זיך נישט געענדערט זינט אדם הראשון". ער ווערט עמאָציאָנעל געפּייניקט פון גויאישער גלייכגילטיקייט צו יידישע ליידן. ער איז גערירט פון אַנאַ פראַנקס טאָג-בוך, פון עקזאָדוס און אַלערליי חורבן-ביכער. ער פאַרברענגט אין אַ יידישן זומער-קעמפּ, ווערט מיטגעריסן מיט די ישראל-לידער; אין ריווערסייד פּאַרק ווערט ער נתפּעל פון דער חסידישער התלהבות ביים דאַווענען און לערנען, ער פילט אַז ער וואָלט געקענט זיין אַ בעל תפילה. עפּעס אַ מיסטישער כח האָט אים געצויגן צו יידן.

אויף וועסט - 24-סטע גאַס אין ניו־יאָרק איז פאַראַן אַ ספרדישער אַלטער בית עולם. לעסטער קומט אָפט אַהער אין התבודדות פאַרברענגען מיט דער יידישער אייביקייט. ער ווייסט זיכער, אַז ער וויל זיין אַ ייד. ער קען זיך אָבער נישט אָפּזאָגן פון דעם געראַנגל וואָס זיינע שוואַרצע ברידער פירן. און אין די שפּעט זעכציקער יאָרן ווערט ער אַקטיוו אין די "ציוויל-רייט" באַוועגונגען וואָס קומען צום אויסדרוק אין אַ לערליי מיליטאַנטישע פאָרמען. ס'קומען אונטער מאָדנע פּאַסירונגען, באַגעגענישן און פּיינלעכע דערפאַרונגען. ער איז באַזאָרגט פון די ישראל-פּראָבלעמען, לעבט איבער דעם גרויל פון חורבן, פון די אוישוויץ-נומערן וואָס לאָזן נישט פאַרגעסן. פאַרוואָס איז נישטאָ קיין פאַרשטענדעניש צווישן שוואַרץ און ייד, דיביידע צום מיינסטן באַוועלטע פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע?

זינט יענעם אינצידענט אין זיין ראַדיאָ-פּראָגראַם, ווען ס'איז געלייענט געוואָרן די אַנטיסעמיטישע פּאָעמע, ציט אים צו ביכער וועגן דער שואה. ער דערמאָנט זיך, ווי ער איז געווען אַ קינד אין קענזאַס, אין די פריע פערציקער יאָרן, ווען יידישע קינדער אין אייראָפּע זיינען גרויליק אומגעקומען. ער פילט זיך שולדיק, ער זעט זיך געטריבן מיט אַלע יידן אין באַבי-יאַר, אין טרעבלינקע און אוישוויץ-קרעמאַטאָריעס. "איך לעב! פאַרוואָס האָט מען זיי אומגעבראַכט?" לעסטער שרייבט וועגן וואַרשעווער געטאָ-אויפשטאַנד, וועגן די איינגעקריצטע ווערטער אין די קעלער-ווענט פון יידישע מאַרטירער און זייער קידוש השם. ער זאָגט אָפט פאַר זיך אַליין "שמע ישראל" און ענדיקט די עלעגיע: "ניין איך קען נישט באַגרייפן, גאָט אַליין באַגרייפט נישט דעם חורבן". און

איצט איז אים שווער צו פאַרשטיין דעם נייעם שטראָם פון שנאת ישראל מצד זיינע שוואַרצע ברידער. אין יענער צייט האָבן זיי בשולדיקט די יידן אין ענדרו יאָנגס רעזיגנאַציע פון דער יו-ען. אין "ווילעדזש וואָיס" זיינען געשריבן געוואָרן איינזייטיקע אַרטיקלען וועגן דעם ענין. דער רעדאַקטאָר האָט לעסטערן געגעבן אַ געלעגנהייט צו שרייבן וועגן דעם, און ער האָט אָנגעשריבן אַ פּראָטעסט-אַרטיקל וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: "ווידער מאַכט מען יידן דעם שעיר לעזאזל" און ער באַשולדיקט די שוואַרצע שרייבער און פירער וואָס פאַרלאַנגען יידישע סענסיטיווקייט צום שוואַרצן גרעניגל פּאַר פּאָזיציעס. "ווי האָבן מיינע ברידער רעאַגירט אויף די מערדערייען פון אַראַבער אין מעלות, קרית שמונה און מינכען. און ער ענדיקט: "יאָ, אונדזערע שוואַרצע פירער קענען אויך זיין דייטשן".

3

זינט 1975 וווינט דזשוליוס לעסטער מיט זיין משפחה אין עמהורסט, מאַסאַטשוסעטס. ער פירט אָן 2 קורסן פון אַפראָ-אַמעריקאַנער קולטור און יודאַיזם אין דאַרטיקן אוניווערסיטעט, און איז באַליבט ביי די יידישע סטודענטן. וואָס מער ער אַרבעט און פאַרטיפט זיין וויסן אין יידישקייט, ווערן קלאָר פאַר אים אַ סך אומפאַרשטענדלעכע ענינים. ער האָט אין זיינע ייִנגלישע יאָרן געלערנט וועגן קאָלאָמבוס און נישט געוווסט פון גרוש און אינקוויזיציע אין שפּאַניע אין דער זעלבער צייט; ער האָט געלערנט וועגן די קרייצפאָרער און נישט געהערט וועגן זייערע רציחות איבער יידישע קהילות אין אייראָפּע; ער האָט שטודירט וואָלטערס "קאַנדיד" און נישט געוווסט פון זיין יידן-האַס. די מיסטעריע פון שנאת ישראל איז נישט בלויז אָבסקוראַנטיזם. ער מוז באַנעמען דעם אמת און קעמפן קעגן די עוולות. זיינע יודאַיסטישע לימודים נעמען אַרום דעם תנ"ך, תלמוד, מדרש, רש"י, רמב"ם, אַבּרבנאל און אַלערליי מפרשים. ער באַקענט זיך מיט אברהם סאַכאַרס יידישע געשיכטע, חיים פּאָטאָק, עלי וויזעל, באַשעוויס זינגער, העשעל א.א. ער ווערט באַגייסטערט פון חסידיזם, פון ר' נחמן בראַצלאַווערס וווּנדער-מעשות. ער טראַכט וועגן יידישן באַנעם פון געטלעכקייט. ער פילט אין זיך דעם קאָנפליקט פון צעשפּאָלטענעם עגאָ, די נשמה געראַנגלעניש וואָס ער מוז בייקומען. אין 1981 שטאַרבט זיין פאָטער. דזשוליוס דערמאָנט אים מיט ליבשאַפט, ווי אַ שטאָלצן און טראַגישן יחיד. גראָד איצט הערט ער דאָס קול פון האָרץ, די דעציזיע זיך מגיר צו זיין.

פאַר זיין פרוי איז דאָס נישט געווען קיין חידוש. צי דאַרף זי זיך אויך מגיר זיין? זיין ענטפער איז געווען, זי זאָל האַנדלען לויט איר אייגענעם געוויסן.

דזשוליוס לעסטער האָט זיך אינטענסיוו געגרייט צו דעם ערנסטן איבערגאַנג, אָנהייבנדיק פון א-ב. ווי אַ דענקער און באַקאַנטער שרייבער האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף נייע פּראָבלעמען, אַנטפּלעקט פאַר זיך נייע וועלטן. ער שרייבט אָפּהאַנדלונגען וועגן באַנעם פון אתה בחרתנו, וואָס ווערט פאַלש אויסגעטייטשט פון נישט-יידן. ער באַוווּנדערט פּרעהס טאָכטער, ווי אַ סימבאָל פון די חסידי אומות העולם, פאַר ראַטעווען אַ יידיש קינד - משה. דער רביי וואָס איז געווען זיין מורה-דרך האָט דעם עסיי באַטיטלט - מדרש לעסטער. ער שרייבט אָן אַרבעט וועגן שבת מיט וויסן פון דינים מנהגים, ליטעראַטור, און מיט פּאָעטישער עמאָציע שילדערט ער, לויט אַ. העשעל, דאָס אַריינבאַגלייטן די מלכה שבת אין שטעטל. ער פאַרערט די יידישע עטיק פון פרקי אבות, גייט אין שיל, מאַכט קידוש, באַקט אַליין די חלות, האַלט כשרות און ווייסט אַז יידן זיינען אַנדערש, אָבער נישט העכער פון אַנדערע פעלקער. נישט לייכט איז אים

אָנגעקומען דאָס מלה-זיין זיך אָבער ער האָט געוואָלט ווערן א ייד כהלכה. אויך זיין פרוי און קינדער זיינען געוואָרן יידן. היינט איז לעסטער דער בעל תפילה אין זיין (קאָנסערוואַטיווער) שיל. זיין ווייב לייענט אָפּט די תורה און די קינדער גייען אין אַ ישיבה.

אין לעצטן קאַפּיטל פון זיין בוך - "אַ געזאַנג פון ליבע ווערנדיק אַ ייד", קומט ער צוריק צו דער מיסטעריע פון זיין עלטער-באָבע, די געוועזענע שקלאַפין און זיין יידישן עלטער-זיידן, דעם פּעדלער פון דייטשאַנד. לעסטער מישט אויף די קבליסטישע טעאָריע פון גלגולים, פון פאַרלוירענע נשמות וואָס בלאָנקען זיך אין עולם התוהו. מעגלעך, אַז די פאַרלוירענע נשמה פון עלטער-זיידן האָט געפונען איר תיקון אין אוראייניקל, דעם שוואַרצן גר. לעסטער האָט מיט אַ סך מי אויסגעפונען די געשיכטע פון דער אַלטשול-משפחה, יידישע עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד, אָנהייב 19-טער יאָרהונדערט, וואָס זיינען אַלע לאַנג אַוועק פון יידנטום. גראָד זיין עלטער-זיידע, אַ פאַרשטויסענער פון דער משפחה האָט געהאַט די זכיה אַז זיין שוואַרץ אייניקל זאָל ווערן אַ ייד. מיט הייליקע געפילן גייט לעסטער אויף קבר אבות צום יאָרצייט פון עלטער-זיידן יעדעס יאָר.

אויך היינט ווערט לעסטער געפייניקט פון דער שוואַרץ-יידישער דילעמע. ער האָט בייגעוווינט אַ מאַסן-פאַרזאַמלונג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן מיטן צינישן, פינצטערן העצער פאַראַכאַן. אויף דער פאַרבעטונג פון מאַרטין פרץ, רעדאַקטער פון "ניו רעפּובליק" וואָס גייט אַרויס אין וואַשינגטאָן, האָט ער געשריבן וועגן יענער פאַרזאַמלונג מיט טויזנטער שוואַרצע פאַרערער פון איסלאַמישן פירער. די רעדע איז געווען אָנגעפּוישט מיט שקר און בלבולים אויף יידן, פאַרגלייכנדיק זיך אַליין צום נביא יעזוס, וואָס די יידן וועלן נישט וואַגן אים צו הענגען... דער עולם האָט ווילד אַפּלאָדירט. לעסטער ענדיקט דעם ראַפּאָרט מיט די ווערטער: צי ווייסן נישט מיינע שוואַרצע ברידער אַז פאַראַכאַן האַסט זיי נישט ווייניקער ווי ער האַסט יידן?

*

מיר האָבן נישט קיין גרויס צוטרוי צו די גרים סעקס-סימבאָלן און "שטערן" וואָס ווייסן נישט ווער ס'האָט זיי געשלייערט, אָבער איך גלויב, אַז דזשוליוס לעסטער איז אויסנעמלעך. ער האָט אַדאָפּטירט אונדזער אַנדערשקייט, אונדזער גרויסקייט און שוואַכקייט, אונדזערע ליידן, געראַנגל און עקשנות צו עקזיסטירן. ער איז אַ מאָדערנער דענקער וואָס יידישקייט איז פאַר אים אויך אַ הומאַנע השקפה. ער זעט די דילעמע צווישן רעליגיע און סעקולאַריזם און ווי ביי אַ סך יידן דאָמינירט ביי אים די אמונה ווי אַ יסוד פאַר אונדזער המשך. ער אידענטיפיצירט זיך מיט אונדזער לעבנס-געראַנגל פאַר פאָלקס-קיום, פאַר ישראל און נישט ווייניקער איז ער פאַראינטערעסירט אין דער קולטור און רעכט פון די שוואַרצע. ער האָט אַ לעבן לאַנג געזוכט זיין איך, אַרויסגעקוקט אויף דער וויזיע וואָס זאָל אים זאָגן וואָס און ווער ער איז. ער שרייבט: "יעצט ווייס איך, מיין נאָמען איז יעקב דניאל בן אברהם ושרה, כ'בין געוואָרן דאָס וואָס כ'בין שטענדיק געווען, איך בין אַ ייד... און אַלץ וואָס איז יידישקייט איז איין גרויס געזאַנג פון ליבשאַפט צו השם, און דאָס בין איך אויך."

עקיבא פישבין / פּאַריז

# בנימין שלעווין ע"ה

צען יאָר איז געוואָרן, ווי אונזער בן-עיר, דער שרייבער בנימין שלעווין איז אין דער אייביקייט אַוועק.

צום אוצר פון דער יידישער ליטעראַטור האָט שלעווין צוגעטראָגן אַ שפּאָרן גאָב פון זיין ברכהדיקן טאַלאַנט - אַ ירושה פון אַ קאַרגע צוויי צענדליק איכותדיקע בענד. זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען מאָלן ברייטע פּליינען פון אַ יידיש לעבן אונטער טריבע, נישט זיכערע הימלען. ביז גאָר וואָגיק איז געווען די קרעאַטיווע פּאָטענץ פון אונזער שרייבער. קודם - די קרעפטיקע פעדער זיינע, די עפּישע; דער כוח צו בויען די דערציילערישע אַרכיטעקטור, אַז זי זאָל אַריינכאַפּן דעם לייענער אין אירע ד' אמות און נישט אָפּלאָזן ביז צום תם ונשלם פון בוך. שלעווין האָט געהאַט מזל צו פאַרמאָגן אַן אויג וואָס האָט געזען און אויערן אָנגעשפּיצטע צו יעדן שאָרך אין דער יידישער סביבה. זיין קינסטלערישע פּראָזע איז אַן עדות פון אַ דראַמאַטיש-פּאָעטישער צייט.

שלעווין איז דער עפּיקער פון זיין יונגן דור אין דער טיפער געדיכטעניש אין ניי-אויפגעקומענעם פּוילן וואָס האָט געראַנגלט זיך פאַר ברויט און ליכט. ער האָט געמאָלן די אָרעמע יידישע סביבה, וווּ נישט לייכט איז געווען דעם ייד ביי עפּעס וואָס די הענט צו פאַרטשעפּען, און לייגן אַ טרוקענעם ביסן ברויט אין מויל אַריין איז אָנגעקומען מיט קריעת ים-סוף. שלעווינס העלדן זענען שטאָלצע, קשי-אורפ'דיקע יידן וואָס בייגן קיין מאָל נישט דעם רוקן - זיי קעמפן און האָפן. דאָס זענען תמימותדיקע בעלי אמונה וואָס ברענגען זייער לעבן אַוועק פאַר דער ישיעה.

ווען די נויט און פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען האָבן פאַר8-טויסן שלעווינס העלדן אַרויס פון פּוילן קיין פראַנקרייך, ווערט ער דער עפּיקער פון דער יידיש-פאָלקישער עמיגראַציע אין פראַנקרייך, ביינאַנד מיט איר שפּאָגל נייעם געראַנגעל פאַר אַ פּיצל מענטשלעכער עקזיסטענץ. ווי אַן ערלעכער עדות פון זיין צייט, לאָזט ער פון אויג נישט אַרויס די אַלע אומוואַנדלונגען, די דערשיינונגע אין דער נייער יידישער סביבה. ער שילדערט די עקאָנאָמישע איבערשיכטונגען, אידעיִשע טוישן און די קולטורעלע פאַראָרעמונג נאָך דער שואה.

בנימין שלעווין, דער שרייבער, דער עדות פון אַ יידישער צייט, איז געווען אויך אַ מענטש מיט אַן ערלעך יידיש געוויסן. אין דער אידעיִשער אומוואַנדלונג פון יידיש-פאָלקישן ציבור אין פראַנקרייך האָט ער אינוועסטירט כוחות אָן אַ שיעור. דהיינו?

יאָרן האָט שלעווין געגלויבט, אַז די רויטקייט פון אָקטאָבער איז מבשר פאַר ייד און וועלט אַן אויפגייענדיקע זון, אַ פרילינגדיקע. ווען ער האָט אָבער איינגעזען אַז ער איז אָפּגענאַרט, אַז פאַלש איז ווי די עבודה זרה געווען זיין תמימותדיקע אמונה, אַז דער "כהן-גדול", דער דאָרטיקער, איז אַ רוצח וואָס ברענגט אום מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן אָן אַ פאַרוואָס, און אַז געשחטן האָט ער די יידישע קולטור דאָרט מיט אַלע אירע שפּיצן ביינאַנד - האָט בנימין שלעווין פאַרקלאַפּט מיט אַ טראַמאַסק די טויערן פון יענער טומאה.

און בכל זאת - אַן אַנטוישטער, איז ער נישט געגאַנגען באַוואַסערן זיין אייגענעם גאָרטן, נישט אָפּגעגרענעצט זיך אין טורעם פון ליטעראַטור בלויז, אלא אַרויס איז ער

מיט אַ ירגזון קעגן די נביאי שקר. געוואָרפן זיך צו אַ פּובליציסטישער טעטיקייט, געשאַפן געזעלשאַפטלעך-ליטעראַרישע פּובליקאַציעס און געעפנט די אויגן ביי די נאַיווּ פאַרגלויבטע פון דער עבודה זרה.

אין דער נאַציאָנאַל אידעישער אומוואַנדלונג פון יידישן פאָלקס-עולם אין פראַנקרייך איז בנימין שלעווינס השפעה געווען אַ דאָמאַנאַנטע.

---

## יוסף האָרן ז״ל

מיט גרויס צער האָבן מיר אויפגענומען די ידיעה, אַז אין בוענאָס-איירעס, אַרגענטינע, איז אין עלטער פון 85 געשטאָרבן דער שרייבער יוסף האָרן, וועלכער האָט פאַר דער לעצטער צייט געדרוקט אַ ריי עסייען אין אונדזער זשורנאַל.

יוסף האָרן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1906 אין מעזריטש, פּוילן, ווו ער האָט אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט. שפּעטער האָט ער פאַרעפנטלעכט זיינע אַרבעטן אין דער בונדישער ״פאָלקס-צייטונג״ אין וואַרשע. אין עלטער פון 30 יאָר האָט ער עמיגרירט קיין אַרגענטינע, ווו ער האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע ביכער, איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער ״יידישע צייטונג״ און געשריבן פאַר אַ ריי יידישע צייטונגען און צייטשריפטן אין אַנדערע לענדער.

אין קומענדיקן נומער ״חשבון״ וועלן מיר פאַרעפנטלעכן דעם לעצטן עסיי וואָס יוסף האָרן האָט אונדז צוגעשיקט פאַר זיין טויט.

דער פאַראבלטער משפחה פון יוסף האָרן דריקן מיר אויס אונדזער טיפן מיטגעפיל.

---

### צום אָנדענק פון (מאַקס) מרדכי קרעמער

דעם ערשטן כ״א אב, איז אויסגעפאַלן די צענטע יאָרצייט נאָך זיין טויט. דערמאָן איך אים מיט כבוד און בענקשאַפט. ער איז געווען אַן איידעלער און געלערנטער מענטש נישט צום פאַרגעסן. ליבשאַפט און כבוד זיין אָנדענק.

**לאָטי קרעמער, זיינע קינדער און אייניקלעך**

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

*** יהודה עלבערג** - עסייען וועגן זיין לעבן און שאַפן. אַרויסגעגעבן דורך דער קאַטעדרע א.ג. רענה קאָסטאַ, בר-אילן אוניווערסיטעט, ירושלים 1990. רעדאַקציע און אַריינפיר - גרשון וויינער. 256 זז' ווייכער איינבונד. מיט אָפּהאַנדלונגען וועגן יהודה עלבערגס שאַפן באַטייליקן זיך אינעם בוך אַן ערך דרייסיק שרייבער. פּראָפ. גרשון וויינער פאַרענדיקט זיין הקדמה מיט פאָלגנדיקע ווערטער: "יהודה עלבערג (איז) ממשיך די טראַדיציע פון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור, וועמענס קינסטלערישע בנינים זיינען געבויט מיט מאַטעריאַלן פון יידישן גורל און נוסח אין גאַנג פון דורות. זיי ווערן באַלויכטן און פאַרטיפט אין די קדושה-גבורה געשעענישן פון אונדזער דור, זיך אָפּשטעלנדיק אויף דעם יידישן יחיד אין זיין געראַנגל ווי אַ מענטש אין אַן אוממענטשלעכער סביבה, אַנטקעגן די סכנות פון דרויסן און די אימפּולסן און דראָונגען פון אייגענעם איך. ס'איז די דראַמע פון דער שואה-תקופה, פון בלייבן לעבן און געפינען אַ זין אין לעבן. אין דער קאַליידאָסקאָפּישער פּאַנאָראַמע פון קינסטלערישער שאַפונג בכלל, און יידישער ליטעראַטור בפרט, האָט יהודה עלבערג ממשותדיק צוגעטראָגן אַ סך וואָס וועט פאַרבלייבן, און וועט גובר זיין די אָפּשוואַכנדיקע פּראָצעסן פון צייט און זכרון.

*** לילי בערגער:** "געשטאַלטן און פאַסירונגען", דערציילונגען, נאָוועלן, עסייען. פּאַריז 1991. ווייכער איינבונד, 222 זז'. ווי אַלע פריערדיקע דערציילונגען און נאָוועלן פון לילי בערגער (דאָס איז שוין דאָס זעכצנטע בוך אירס), לייענען זיך אויך די איצטיקע מיט גרויס אינטערעס. איר נאַראַציע איז אַ פליסיקע, די שפּראַך - אַ פאָלקסטימלעכע, און די טעמאַטיק אַן אַלזייטיקע: דאָס אַמאָליקע שטעטל, די שואה און היינטצייטיקע פּראָבלעמען. אירע עסייען וועגן שרייבער, קינסטלער און זייערע ווערק, ווי אויך וועגן היסטאָריש-קולטורעלע דערשיינונגען אין דער אַלגעמיינער און יידישער וועלט צייכענען זיך אויס מיט טיפער ערודיציע, זענען באַלערנדיק און לאָזן אַ סך נאָכטראַכטן.

*** פּרץ מיראַנסקי:** "אַ זמר פון דעמער", לידער און משלים. טאָראָנטאָ, קאַנאַדע 1991. האַרטער איינבונד, 218 זז'. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע אָפּטיילן: אין שפּיגל פון זיך; וואָר און חלום; בוימער ריידן; שאָטנס פון נעכטן, און משלים. אויף אַלע לידער - סיי די לירישע און סיי די משלדיקע, הויערט פּרץ מיראַנסקיס קלוגער, אַ ביסל פאַרנעפּלטער בליק אויף אַלץ וואָס רינגלט אונדז אַרום, נאַטור, מענטש און - ליד.

פאַר זיין גאַנצן שאַפן איז, דאַכט זיך, כאַראַקטעריסטיש זיין "אַ ליד" (זייט 32), וואָס קלינגט ווי אַן אַליינבאַשטימונג פונעם פּאָעט;

"אַ ליד איז ניט קיין לאָרבער-קראַנץ פון ווערטער.
וואָס אַ פּאָעט טוט אָנעט זיך אַליין.
אַ ליד איז אַ געזאַנג אַ ניט דערהערטער
און אָפטמאָל אַ געוויין."

*** רבקה באַסמאַן:** "צעטראָטענע קרעלן", לידער, פאַרלאַג "ישראל-בוך", 1982, ווייכער איינבונד, 108 זז'. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע אָפּטיילן: אַמאָל אין אַ רעגן; טרעריקער פריליג; נאַכטיקע שפּאַצירן; צעשאָטענע קרעלן, און קאָלירן פון גערענקען.

*** רבקה באַסמאַן:** "אָנרירן די צייט", לידער, פאַרלאַג "ישראל-בוך" 1988, צייכענונגען און פּאָרטרעט (איןביידע ביכער) - מולא בן-חיים. 140 זז'. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע אָפּטיילן: זאַלציקער צוריק; אָוונטשוועל; אַ ווייטער קלאַנג; שעהן פון איינער אַליין, און בליאיקע פרייד.

רבקה באַסמאַן געהערט צו דעם יינגערן דור יידיש-פּאָעטן אין ישראל. איר ליד וואָס איז מאָדערן אין פאָרעם און טיף יידיש אין אינהאַלט, צייכנט זיך אויס מיט געוואַלדיקן צימצום פון וואָרט און רייכער בילדלעכקייט וואָס איז פאַרוועבט אין ערנסטער מעדיטאַציע. אָט מישן מיר אויף גאַנץ צופעליק אַ זייטל פונעם בוך "אָנרירן די צייט" (23) און ציטירן:

צייט איז אַ וווּנד / און גאָט / וויל פאַרהיילן די וועלט /
מיט אַ טרער / און פאַרוווּנדיקט / נאָך מער."

*** "די גאָלדענע קייט",** פערטליאָר-שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. נומ. 130. תל-אביב 1990. רעדאַקטאָר: אברהם סוצקעווער. רעדאַקציע-סעקרעטאַר: אלכסנדער שפּיגלבלאַט.

*** "ירושלימער אַלמאַנאַך",** צייטשריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, נומ. 21, 1991. רעדאַקטאָר: יוסף קערלער. מיטרעדאַקטאר: אפרים שעדלעצקי.

**מ.ש.**


מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים

בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

**NATHAN STEINMAN**

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049

Phone: (213) 820-2976     פאַרוואַלטונג "חשבון"

לילקע מייזנער

# מיר זענען די היטער פון אונדזער גרויסער קולטור-ירושה

זונטיק, דעם 19-טן יוני ד.י. איז פֿאָרגעקומען דער פּייערלעכער באַנקעט צום שלוס פֿונעם סעזאָן 1990-1991 פֿון יידישן קולטור-קלוב אין לאָס-אַנדזשעלעס. אינעם פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט: **לילקע מייזנער** - פּאָרזיצערין פֿון קלוב - באַריכט-רעפֿעראַט; **ריסא איגלפֿעלד** - געזאַנג און אייגענע אַקאָרדיאָן-באַגלייטונג; **יעקב לעווין** - רעציטאַציעס. מיט אַ וואָרט פֿון דאַנק פֿאַר דער מיפּולער אַרבעט פֿון דער פּאָרזיצערין איז אויך אויפֿגעטראָטן דער פֿאַרוואַלטונגס-מיטגליד **נתן שטיינמאַן**. ווייטער ברענגען מיר דעם באַריכט-רעפֿעראַט פֿון **לילקע מייזנער**.

טייערע פֿריינד, איצט, נאָכן מאָלצייט, ווען אונדזער הונגער איז אַ געשטילטער, קאָנען מיר רואיק זיך קאָנצענטרירן אויף ערנסטע פּראָבלעמען. איז לאָמיר אָנהייבן פֿונעם באַריכט וועגן דער אָפּגעטוענער אַרבעט אין משך פֿון יאָר.

פֿאַראַיאָרן, געוני אין דער צייט, איז פֿאַר אונדז נאָך געשטאַנען אונדזער טייערער משה כהן - די גייסטיקע טרייב-קראַפֿט פֿונעם קלוב. כאָטש שוין אַ קראַנקער און שוואַכער, האָט ער נאָך אַלץ מיט זיין געוויינלעך פֿעסטער שטימע אָפּגעגעבן דעם טעטיקייט-באַריכט. זיינע אויגן וואָס האָבן שוין נישט געלויכטן ווי שטענדיק, האָבן דעמאָלט געזעגנט זיך מיט די מיטגלידער - אויף אייביק. משה איז פֿון אונדז אַוועק - און מיר דערפֿילן זיין זאָרג און ווונטש, אַז דער קיום פֿון קלוב זאָל נאָך דויערן פֿאַר יאָרן!

מיר האָבן היינט פֿאַרבעטן אויף דער טריבונע די מיטגלידער פֿון אונדזער קלוב-פֿאַרוואַלטונג כדי איר זאָלט זיך מיט זיי באַקענען און אויסדריקן אַלעמענס דאַנק פֿאַר דער זאָרג און מי, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן אין משך פֿון יאָר. דאָס זענען: **צבי הירש** - דער מיטפּאָרזיצער פֿון קלוב, וועלכער האָט געהאָלפֿן דורכפֿירן אַ טייל פֿון די אָוונטן מיט אינטעליגענץ, און אויך געטיילט זיך מיט אונדז מיט זיין קוואַל פֿון יידישן טראַדיציאָנעלן וויסן; **יעקב שייפֿער**, אונדזער איבערגעגעבענער שטילער טוער, וועלכער טראָגט דעם יאָך און זאָרג פֿאַרן קלוב. זיין הילף אין די שווערע צייטן נאָך משהס טויט איז נישט אָפּצושאַצן; **אסתר ליפּשיץ**, וועלכע העלפֿט אַרויס מיט טעכנישע אַרבעטן און מיט זאָרג פֿאַר דער ביבליאָטעק. זי איז שטענדיק גרייט צו נעמען אויף זיך פֿליכטן און אויספֿילן זיי פּינקטלעך; **רחל סלוצקי**, די פּראָטאָקאָל-סעקרעטאַרין, פֿירט אויס איר אַרבעט פּינקטלעך, און דער צוקונפֿטיקער היסטאָריקער וועט נישט האָבן קיין שוועריקייטן ביים זוכן מאַטעריאַלן וועגן אונדזער יידישן קולטור-קלוב; **מענדל סלוצקי**, וועלכער פֿאַרנעמט זיך מיט די פֿינאַנסן. ער פֿירט אויס זיין אַרבעט רואיק, מיט טאַקט און זאָרג פֿאַר דעם וווּיל פֿונעם קלוב; **בעלא פֿאָזי** זאָרגט פֿאַר דער קאַסע און האָט היינטיקס יאָר געהאָלפֿן מיט איר אָנטייל אין אַ פּראָגראַם; **גרשון פֿרידמאַן**, וועלכער האָט ביז איצט געטראָגן דעם יאָך פֿון דער אַדמיניסטראַציע פֿון אונדזער זשורנאַל "חשבון". פֿאַר אייער שווערער מי און זאָרג, ח' גרשון, אַ האַרציקן דאַנק; **סימא לעפּקאָוויטש**, וועלכע זאָרגט פֿאַר די מעלדונגען פֿון אונדזער קלוב-טעטיקייט אין דער יידיש-ענגלישער פּרעסע. ביז איצט האָט עס געטאָן **לאָטי מלאך**, אָבער ליידער קאָן זי עס נישט ממשך זיין צוליב איר שוואַכן געזונט-צושטאַנד. מיר שיקן לאָטין אונדזערע בעסטע ווונטשן; **נאָרמאַן קערין**, פּרעזידענט פֿון אינסטיטוט, וועלכער טוט בשלימות זיין אַרבעט דורך קאָנטראָלירן די פֿינאַנסן און העלפֿן מיט ראַט און טאַט; **מאָניע גאָרפּיין** האָט

געהאָלפֿן ברענגען די ביבליאָטעק צו דעם איצטיקן מצב, ער איז שטענדיק גרייט צו ברענגען אָדער פֿירן אַ היים מיטגלידער; **נתן שטיינמאַן** האָט צוזאַמען מיט **צבי הירשן** איבערגענומען די אַדמיניסטראַציע פֿון "חשבון". אין אַ מזלדיקער שעה! מיר שאַצן עס אָפּ. און דער רעדאַקטאָר פֿון "חשבון", **משה שקליאַר**, וועלכער האָט געהאָלפֿן צוגרייטן די איינלאַדונגען צו אונדזערע אָוונטן.

מיר ווילן אויך דאַנקען די צוויי סעקרעטאַרינס פֿון אינסטיטוט - **רעגינע יפה** און **בי מעי** פֿון ציוניסטישן אַרבעטער-פֿאַרבאַנד, וועלכע טוען פֿאַר אונדז טעכנישע אַרבעטן. אַ ספּעציעלן דאַנק וויל איך אויסדריקן צו **אסתר כהן** פֿאַר איר מיטהילף אין משך פֿון יאָר. זי האָט פֿאַרלייכטערט משהס אַרבעט און העלפֿט אויך אונדז אַרויס אויף וויפֿל אירע מעגלעכקייטן דערלויבן עס.

מיר ווילן אויך אויסנוצן די געלעגנהייט און זאָגן אַ ספּעציעלן דאַנק צו אַן אַקטיוון מיטגליד פֿון קלוב און ליבהאָבער פֿון ייִדישער קולטור, וועלכער האָט אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו געבראַכט אין אָרדענונג די בילדער-גאַלעריע אין אונדזער בנין און אויך געבראַכט נייע בילדער - **ח' יוסף סאָסקי**.

די אַלע חברים און חברטעס - אונדזער אַלעמענס און מיין פּערזענלעכער דאַנק פֿאַר פֿאַרלייכטערן די אַרבעט. און אויב איך האָב דורגעלאָזט די פּאָרזיצערין - קענט איר זי אַלע, אָט שטייט זי פֿאַר אייך.

ווי איר זעט איז עס אַ גאַנץ נישקשהדיקער אַפּאַראַט, וועלכער טרעפֿט זיך איין מאָל אין חודש כדי אַרומצורעדן טעטיקייטן, פּראָבלעמען וואָס קומען אויף אין משך פֿון דער צייט, און אָנפֿירן מיט דער אַרבעט, וואָס איז אַ פֿאַרצוויגטע און נישט קיין לייכטע אין אונדזער ספּעציפֿישער סביבה.

דער קלוב האָט אין משך פֿון יאָר דורכגעפֿירט 32 אונטערנעמונגען; פֿון אָקטאָבער דעם 13-טן 1990 ביז דעם 9-טן יוני 1991. פֿאַר אָט דער צייט האָבן זיך באַטייליקט אין די שבת-צו-נאַכטן 2535 מענטשן. אין דורכשניט - אַכציק מענטשן אַן אָוונט. אונדזערע אָוונטן זענען געשטאַנען אויף אַ הויכן אינטעלעקטועלן ניוואָ און נישט אָפּגעווייכט פֿון אונדזער קרעדאָ - פֿאַרשפּרייטן ייִדישע קולטור-ווערטן, דערמאָנען שרייבער, אָפּשאַצן זייערע ווערק, אַרומרעדן ייִדישע פּראָבלעמען און נישט פֿאַרגעסן די אַלטע קוואַלן.

פֿאָלגנדיקע רעדנער האָבן זיך באַטייליקט אין אונדזערע אָוונטן: פֿון אויסלאַנד - **שמואל ראָזשאַנסקי** - אַרגענטינע; פּראָפֿ. **דב נוי** - ישראל; די ייִדישע דערציערין **מאיא וייספּעלד-אייזן** - מעקסיקע, און **חיהלע אַש** פֿון פֿילאַדעלפֿיע.

לעקטאָרן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די וויטערדיקע טעטיקייטן און אַריינגעבראַכט פֿאַרשיידנאַרטיקן קאָלאָריט זענען געווען: פּראָפֿ. **מאַרווין צוקערמאַן**; **משה שקליאַר**; **חיים שוואַרץ**; פּראָפֿ. **הערשל סלוצקי**; **נתן גראָוויטש**; **לילקע מייזנער**; ד"ר **מישעל נוטקעוויטש** (אין ענגליש); **באַשע וואַנעמייקער**; פּראָפֿ. **זשאַנעט האַדאַ**; **בערנאַרד וייסבערג**; אונדזער באַגאַבטע **שרה ליינער**. טייל פֿון די דערמאָנטע רעפֿערענטן האָבן אונדז געגעבן צוויי און דריי לעקציעס דורכן יאָר.

פֿאָרלייענער וועלכע האָבן באַרייכערט אונדזערע אָוונטן: דער גאָר באַגאַבטער רעציטאַטאָר **יעקב לעווין**; **יעקב באַסנער**; **מאָטל האַראָוויץ**; **בעלאַ פּאַזי**. מוזיקער: **אַלקעס רובינשטיין** און די באַגאַבטע פּיאַניסטין **סוועטלאַנאַ**; **ריסאַ איגלפעלד** - די פֿיינע אויסטייטשערין פֿון ייִדישן ליד, מיט איר אַקאָרדיאָן; **איזאַבעל קעץ** - איבערגעגעבענע פֿריינדין פֿון קלוב און ייִדישע זינגערין, מיט איר באַגאַבטער פּיאַנאָ באַגלייטערין **רעגינע ראָטמאַן**. מיר האָבן געהאַט צוויי קאָנצערטן פֿון ייִדישע כאָרן:

דער איי.פּי.איי. - כאָר און דער אַמעריקאַנער יידישער כאָר. עס זענען אויך אויפגעטראָטן פּסח מאַלעוויטש - באַגאַבטער פּיאַניסט - אין יידישע און קלאַסישע שאַפונגען, און רוט גאָלדין - אין אַ קלאַסישן קאָנצערט.

מיר האָבן דורכגעפירט ספּעציעלע אָוונטן געווידמעט יום השואה און יום העצמאות; א שלושים-אָוונט צום אָנדענק פון משה כהן; אַן אָוונט געווידמעט דער אַקציע "עקזאָדוס"; אַן אָוונט געווידמעט דער קלוב-טעטיקייט מיט אַ מיינונגס-אויסטויש; אַן אָוונט געווידמעט דער לאַגע אין ישראל אין שייכות מיט דער מלחמה אין פּערסישן גאָלף. מיר האָבן אָפּגעמערקט די 75-סטע יאָרצייט פון אונדזער קלאַסיקער שלום-עליכם און דערמאָנט יידישע יום-טובים מיט פאַסיקן קינסטלערישן מאַטעריאַל.

די ליטעראַרישע טעמעס זענען גרינטלעך באַהאַנדלט געוואָרן. די לעקטאָרן האָבן אַנאַליזירט די שאַפונגען פון די מחברים און אונדז אַריינגעפירט אין זייער אייגנאַרטיקער וועלט. דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן די פּאָרלייענער, מוזיקער און זינגער. יעדער איינער האָט אַריינגעלייגט אַ סך מי און אַרבעט און געבראַכט אונדז קאָלאָסאַלן פאַרגעניגן.

אונדזער קלוב איז צווישן די איינציקע פון דעם מין וואָס גיט אַרויס אַ ליטעראַרישן זשורנאַל - "חשבון" - אונטער דער רעדאַקציע פון משה שקליאַר און ישראל גובקין. פּאַקטיש ווערט די אַרבעט געטאָן דורך משה שקליאַר צוליב דער קראַנקהייט פון ח' גובקין. עס איז שווער אין געציילטע ווערטער דערמאָנען די אַרבעט און מניעות ביים אַרויסגעבן אַ יידישן זשורנאַל. דאָך דערשיינט דער "חשבון" און מיט זיין ניוואָ קאָנען מיר זיך נישט פאַרשעמען. ביז איצט האָט אונדזער איבערגעגעבענער חבר גרשון פרידמאַן מיט דער מיטהילף פון זיין פרוי חיילע געפירט די אַדמיניסטראַטיווע זייט פון "חשבון" מיט איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט. צוליב זיין קראַנקהייט האָט גרשון פרידמאַן געמוזט רעזיגנירן. אויף זיין אָרט זענען באַשטימט געוואָרן די ח"ח צבי הירש און נתן שטיינמאַן. מיר ווילן זיי ווינטשן אַ סך דערפאָלג, און אייך, טייערע מיטגלידער און געסט, ווילן מיר צום נייעם סעזאָן מאַכן אַלע פאַר לייענער און אַבאָנענטן פון "חשבון". העלפט אונדז אויפהאַלטן דעם זשורנאַל!

מיר קומען צום שלוס. מיר האָבן זיך געטיילט מיט אייך מיט אונדזערע דערפאָלגן און שוועריקייטן און געדאַנקט פאַר דער הילף וואָס מיר שאַצן אָפּ ווי געהעריק. מיר ווילן אַלע, אַלע, אַז דער קלוב זאָל ווייטער עקזיסטירן און זיין דאָס שיינדל אויף אונדזער פאַרוואָרלאָזטער יידיש-גאַס. מיר זענען די היטער פון אונדזער גרויסער און טייערער ירושה. ווען מיר אַלע צוזאַמען זאָרגן, אַז אונדזערע קולטור-ווערטן זאָלן נישט פאַלוירן גיין. מיר ווילן זאָרגן, אַז דער ניוואָ פון אונדזערע אָוונטן זאָל שטענדיק שטיין אויף א הויכן ניוואָ. דאַרפן מיר זיך אַלע באַטייליקן אין דער אַרבעט און טראָגן די זאָרג פאַרן קלוב. פּאָפּולאַריזירט אונדזער טעטיקייט, דערציילט וועגן אונדזער אייגנאַרטיקן קולטור-ווינקל!

מיר שפּרייזן אַריבער דאָס זעכציקסטע יאָר פון אונדזערע טעטיקייטן. וועט עס זיין פאַר אונדז אַ ספּעציעל יאָר. צוזאַמען וועלן מיר זיך באַמיען אָנצוגיין מיט דער אַרבעט. מיר וועלן זיך באַמיען צוצוקומען צו דעם ייִנגערן יידיש-רעדנדיקן עלעמענט. מיר וועלן טאָן אַלץ וואָס אין אונדזערע מעגלעכקייטן. איר, טייערע מיטגלידער און געסט, ליבהאָבער פון אונדזער יידישער קולטור, דאַרפט אונדז צוהעלפן.

מיר געזעגענען זיך מיט אייך פאַר אַ וויילע, ביז דעם 5-טן אָקטאָבער. האָט אַ געזונטן און פּראָדוקטיוון זומער!

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# א הסתדרות אַניואיטי טראַסט-קאָנטראַקט

- פון דער-

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי: -

* אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן); און
* באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען: הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, "פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם "קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקוויקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט פונדאַציע.

אירווין קורצמאַן, פּרעזידענט

אברהם פרענק, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר

--- שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט: ---

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**

**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Suite 402 * Los Angeles, Calif. 90048

Telephone: 658-6334

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..................................................................

Address..................................................................

Date of Birth..........................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..................................................................

Date................Signature of Applicant..................................

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# לאָס אַנזשעלעסער
# יידישער קולטור קלוב

*שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע*
*אונדזערע מיטגלידער און פריינד*
*בכל מקום שהם.*

**תכלה שנה וקללותיה**

**תחל שנה וברכותיה**



דער דיסטריקט קאמיטעט פון

# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035 • (213) 552-2035

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

## ציוניסטישער אַרבעטער-פאַרבאַנד
## יידיש צווייג

נאָרמאַן קאַרין - אסאָסייעטעט-פּרעזידענט
מרדכי בן-דוד - וויצע-פּרעזידענט
לעאָ ראָזענבלאַט - וויצע-פּרעזידענט
בערטאַ קאַרין - פינאַנץ-סעקרעטאַר

---

יום-טובדיקע גרוסן און ווונטשן צו די שרייבער, אַדמיניסטראַציע און לייענער פון "חשבון". זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין ביים פאַרשפרייטן און פּאָפּוליאַריזירן די קולטור-אוצרות, אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע אין יידישן לשון.

שעלבי שאפּיראָ
בעטעסדאַ, מערילענד

---

דרורה קלוב נעמת
ליובא שלאַפמאַן - פּרעזידענט
פרימע גאָרענשטיין - וויצע-פּרעז.
בערטאַ קאָרין - פינאַנץ-סעקר.
רעגינאַ שידלער-קאַסירער

אין ליכטיקן אָנדענק
פון אונדזער אומפאַרגעסלעכער
פרוי, און מוטער
רחל קליינבאַרד

בען, דזשעי, מייראָן און משפחה

---

יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס
בעסטע ווונטשן צום נייעם יאָר,
צו אַלע אונדזערע פריינד
און שלום אויף דער וועלט און ישראל
אירווינג טייטלבוים - פּרעזידענט

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום**
**על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

---

אין אָנדענק פון אומפאַרגעסלעכן חבר
משה כהן ז"ל

צו משפחה, חברים, פריינד און מיטאַרבעטער
שנת ברכה והצלחה

הירש - צבי, טאָני און אילאי

---

ד"ר שייפער - בענסאָן און דאנא

פּאָרטלאַנד, אָרעג.

---

אין אָנדענק פון מיין מאַן
משה אייזענמען ע"ה
רבקה, דבורה, לעסלי, יואל און גרעגאָרי

---

גיבערמאַן אסתר - מיין משפחה און חברים
אַ גליקלעך יאָר

---

גערשאָוויטש - לודמילאַ און נתן

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום**
**על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

---

ד"ר האַדאַ - זשאַנעט

---

הענדל - שלמה

---

די וואַנאַמייקער משפחה

---

ווודס - חנה און בנימין

---

טאַובער - סאַלי און בעריש

---

לאַנצמאַן - בערנאַרד

---

לובין - דוד

---

ליינער - שרה, שמחה און משפחה

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאנטע ושלום**
**על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

מלאך-קרעמער - לאָטי

נודעלמאַן - שלום

ד"ר פישמאַן - בערט און בעטי, פּאַסאַדינאַ, קאַל.

קאפלאַן - רחל און דוד

קאַרין - בערטאַ און נאָרמאַן

קאַרפּ-לעפקאָוויץ - סימאַ

ראָטבלום - יצחק און זהבה

רוהמאַן - חנה

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום**
**על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

---

## שאַפּירא - רעי און מאַרטי

---

## שאַרף - עלסי, לאָרי און משפּחה

---

## שוואַרץ - חיים

צום נייעם יאָר באַגריס איך מיינע טייערע משפּחה-קרובים און אַלע מיינע פריינד. איך ווינטש זיי אַ געזונט, גליקלעך יאָר אין אַ וועלט פון שלום. זיי אַלע צו לאַנגע יאָר, דערמאָן איך מיט ליבע און צער מיין פרוי רות און מיינע דריי פאַרשטאָרבענע שוועסטערס און ברודער זישע, אסתר רעלקע און משה. זיי וועלן אייביק לעבן אין מיין זיכרון!

---

## שוואַרץ - רענעי (רחל), אין אָנדענק פון מיין מאַן, דעם דיכטער שלמה ע"ה

---

## שייפער - דאָראַ און יעקב

---

## שעפּס - חנה און שמעון

---

## אַלעקסאַנדער - עוועלין

---

## אָמען - סאָניא און הערי

---

## בן-דוד - חנה און מרדכי

---

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום**
**על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

---

בורמאַן - אלבא און געניא

---

ד"ר און מרס, הערשל בורסטאַן

---

בלושטיין - שרה, נחום און משה

---

גאָלדמאַן - האָדל און משפחה

---

גאָרפיין - רחל און מאָניע

---

גיבערמאַן - אסתר

---

האַלבערט - מינאַ

---

הענלי - מאַשאַ

---

זילבערצווייג - ציליע און משפחה

---

טאָלטשינסקי - שרה

---

כהן - אסתר

---

לאַקס - לאה, יוסף און משפחה

---

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

מיד - וולאַדקע און בנימין

מלמד - פייגע און ישראל

מעלאַמדאַוויטש - פייגע און יצחק

ניומען - דאַני, לזכר ולכבוד דינה האַלפערן

סאַפּיאַן - העלען

סאָסקי - העלען און יוסף

עלבערג - יהודה

פאַנטיין - דזשין און אירווינג

פארבשטיין - משה און זלמן

פרידמאַן - שרה און משה, סאַוטפילד מישיגען

צוקערמאַן - קעטרין און מאַרווין

קאָטלער - זשעני משה און משפחה

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

---

**שוואַרץ - דאָראַ און משפחה**

---

**שידלער - רעגינאַ און חיים**

---

**שלאַפמאַן - ליובאַ**

---


דער איצטיקער נומער "חשבון" איז דערשינען מיט דער פינאַנציעלער מיטהילף פון די פריינד

שעלבי שאַפּירא, בעטעסדאַ, מערילענד, יוסף ניומאַן, סקאַרסדייל, ניו־יאָרק, און שרה און שמחה ליינער, לאָס־אַנדזשעלעס.

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום**

**על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

אַוורוטין - רעי
אַלפּער - מאַקס
באַסנער - יעקב
בייראָק - דאָרע
ברעסלער - אוירווינג
גאָרענשטיין - פרומע
גובקין - ישראל און משפּחה
גורעצקי - סילוויאַ און משפּחה
גילינסקי - ליובאַ
דזשעריק - בלומע
האַמבורגער - חנה און משה
האָראָוויץ - עוועלין און מאָטל
הערבסט - טשאַרנע און גרשון
הערבסט - מרים און הערשל
וואַסערמאַן - סילאַ
וויינשטיין - רחל און אליעזר
וויינער - פרידאַ
וועלטמאַן - פראַניע און משפּחה
זאַללען - ריטשארד
זימער - טשאַרנע
זשוק - סאַבינע און חיים
ליבערמאַן-געלבאַרט - רבקה, אברהם און משפּחה
ליפשיץ - אסתר
לעווענטאַל - בעבע און עלי
לעכאָוויצקי - דוואָשע און אהרון

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום**
**על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

מאַלעוויטש - פסח
מייזנער - לילקע און שלמה
מייפּער - וועראַ און טשאַרלז
סילבער - אַדעל און יצחק
סלוצקי - סאַלאָמאָן
סלוצקי - יעווגעניאַ און אברהם
סלוצקי - רחל און מענדל
פּאָזי - בעלאַ
ד"ר און מרס. ה. פּאַרעל
פּאָרטער - יוסף
פלאַם - גילה, וואַשינגטאָן
פּעלנער - פייגע און משה מאַראָקאָ
פּערטשוק - טערעסאַ און חיים
פרידמאַן - חייה און גרשון
קוטין - רחל און צבי
ראָזענבלאַט - עטל און לייב
ראָטמאַן - רעגינע און לואי
ראַבינאָוויטש - אהרון
רייך - שיינדל
ד"ר שאָו - מעני און מלכה
שטיינמאַן - נתן
שלאָסער - נעכע
שנור - פאַינאַ, יוסף און משפחה
שעלי - שרה
שקליאַר - דבורה און משה